230

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 1 (העפט 363) דריי און צוואַנציקסטער יאָר יאַנואר 1962 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט :

„יידיש־לאַנד" 1962, אין טאָג פון יום־הדין ה. טבת תשכ״ב, „טוב מאוד זה המוות", Prost-Neuyahr פּראָטעסט־ביכעלע, א תחינה פאַר די נשמות פון די קדושים פאַרן 1962 ** 1
יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע: דער נס און דער נאָמען פון חנוכה ... י. ריכטיגער 6
שלום אש (ליד) ... יוסף לעפטוויטש 11
רויזן בלעטלעך, מיין געזאַנג (לידער) ... שמואל ווהייט 12
יענקל הוש, נישט געשטויגן נישט געפלויגן (סקיצן) ... בן־צבי בערשטיין 12
העטאָן גאַרדאן (רעפּאָרטאַזש־צייכנונג) ... משה דאָמב 15
שלמה עלשטיין עליו השלום ... יהודה ביעטש 17
נאָר דער טאָג אין מיין לעבן (ליד) ... אליהו פאַלושאַק 18
מיין מאַמעס צירינג און דער שנאַל פון רבי ר׳בער (פּראָזע) ... א. נ. שטענצל 19
יידיש־ליטעראַרישע שבת נאכמיטאָגס
פון זיפצן אַ—רויס (ליד) ... דילאָן טאָמאַס 36
מכוח דעם יידיש וואָרט אין ישראל ... א. מ. אָרזשיצער 36
לאָנדאָנער קולטור ידיעות

## צום 100׳סטן געבוירן יאר פון יידישן טעאטער

זונטיק, דעם 28׳סטן יאַנואר 8 אַזייגער
אין בן־אורי 14 בערנער סטר. וועסט־ענד
אַ סצנע פון אברהם גאָלדפאַדנס „מכשפה" **מאיר צעלניקער**
אַ פראַגמענט פון י. ל. פרץ גאָלדענע קייט" **יודל גאלדבערג**
רעדענער: ש. י. האַרנדאָרף פאַרזיץ: א. נ. שטענצל

**פרייז 2 שילינג**

אַבאָנאַמענט־פרייז:—26 שילינג פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד:—8 דאַלאַר אַ יאָר
אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—

"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*

38/126

TOWER HAMLETS LIBRARIES
LOCAL HISTORY LIBRARY
No:- LC 1035/15 ~~L. 8300~~ 870

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 1 (העפט 363)    דריי און צוואַנציקסטער יאָר    יאַנואַר 1962 לאָנדאָן

## „יידישלאַנד“ 1962

ביז איבער די קני שטייען שוין די טויטן־גרעבער אין אויסגעגראָבענעם קבר, מיט די שפּאַדלעס גראָבנדיק, אויף די הענט זיך שפּייענדיק, די בית־עולם־לאַפּיטוטן אין די טענדע ווערענדעס שטייען שוין גרייט, די אויגן פאַרגלייזט, דאָס־רעכט צו טון, אָבער די אַלטע מאַמע יידיש געבויגן איבערן קרבן־מנחה־סידור וויל זיי דעם לעצטן־חסד נישט אָנטון און צומאַכן־אַן אויג, כאָטש איין אויג, זי ווישט ערשט גאָר אירע שפּאַקולן אויס און צעזינגט זיך מיט אירע האַרציק געאכפּערטע רייד „לבבתנו באחת מעניך“.

אַז זי די אַלטישקע נאָך אזוי, ערשט די „שפחה“! זי פאַרשאַרצט די געזונטע רויטע אָרעמס, פאַרהייבט די ספּוצניצע איבער די ברייטע פעסטע באַקעס און שטעלט זיך מיט אירע צעשפּרייטע „נאָגעס“ איבערן שבת־קודש אויפגייענדיקן מולטער־טייג, דעם, מיט זאַפּראַן און בשמים־אל־ערליי, דעם חופּה־קוילעטש אויסצוקנעטן — „א חוצפּה אויף נאמנות“!

נישט נאָר אויפן לעצטן מקום — ווו עס שמעקן שוין פאַר די פאַרריסענע נעזער די קטורת־סמימדיקע קברות־בלעטלעך, און פון דעם ווייערויך־געשטאַנק, וואָס גייט פון אָט־אָ די נפשות — באַוועגט זיך רעגלמעסיק נאָך דער איידעלער אָטעם פון מאַמע יידיש, מיט באַהאַרצטקייט און געאַכפּערטקייט, און עס באַוועגט נאָך די פּעדער אונטער איר נאָז מיט סימן פון לעבן, נאָר אפילו דאָרט, ווו מ׳האָט שוין געהאַט געשריבן „די דריי פּייען“, נאָך דער אַלטישקער, ווייזט די שפחה אַ פייג אונטער די נעז, די מסכילים־מאַסקאַלעס. הצד השווה שבהם: צי די כיטרע וויריסלעך דאָרט, צי די בייכיקע מיקראָבן דאָ — די געפאַר איז גרויס; וואָרים דאָ און דאָרט, — און אומעטום שוין! — נישט אין „טויט“, און „שטאַרבן“, עס האַנדלט זיך אין מאָרד און אין טרייבן צו זעלבסט־מאָרד...

אָבער אויב דאָס ווייטשעפּל איז נאָך נישט אַראָפּ פון אונזער מאַפּע „יידישלאַנד“ און מאָסקווע תחית־המתימדיק אויפשטייענדיק, צוריק אַרויף אויף איר, וועלן אָט־אָ די טויטן גרעבער טיף־טיף נאָך טאַפּטשן נעבעך אין דער ליימיקער בלאָטע און די טענדע ווערענדע לאַפּיטוטן נאָך גלאָצן מיט די פרום־פאַרגלייזטע אויגן, וואָרום אויב יידיש זאָל, חלילה, טאַקע אפּשטאַרבן, וועלן זיי שוין זיין פריער טויט און באַגראָבן און לאַנג־לאַנג שוין פאַרגעסן...

* * *

פאַר די יחידים פון שעפערישן יידישן וואָרט, וואָס אין אַלע וועלט־טיילן זיינען זיי צוגעפינען, וואָס יעדע רגע ריידן זיי זיך אַדורך, אָן דראָטן, אָן אַנטענעס, — פה אל פה! זיי האָבן שוין זייער געהיימע טויבן־פּאָסט, און פאַר די וואָס שטייען שוין פאַראיינצלט אויף זייער לעצטן פּאָסטן, וואַרפט די

## לאָנדאָנער קולטור ידיעות

פריינט פון יידיש לשון וועט ווידמענען דאָס יאָר 1962 די שאַפונקען פון גרויסן קלאַסיקער־פּאָעט מאָריס ראָזענפעלד. יעדער שבת סוף חודש וועט מען ביי שבת נאָכמיטאָגס לייענען פון זיינע ווערק און ריידן איבער אַן אַנדערן אפּטייל פון זיינע שאַפינגען. זונטיק דעם 25׳סטן פעברואַר וועט זיין א ראָזענפעלד־פייערונג אין בן־אורי. אַ צווייטן חודש — אין ווייטשעפּל.

° ° °

די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון „פריינט פון יידיש לשונעם קומט פאָר זונטיק, דעם 14׳טן, 4 אזייגער פינקטלעך אין אדלער־הויז, ביבליאָטעק־צימער, אַדלער סטר. א.1.

° ° °

י. וו. פּאָדאָלסקי, וועלכער איז אָקאָרשט צוריקגעקומען פון זיין נסיעה אין ישראל, האָט אַדורכגעמאַכט א שווערע אָפּעראַציע, און געפינט זיך אין קאָוואַלעסענץ. מיר ווינטשן דעם אַרבעט־און יוו״א־טוער אַ גוטע בעסערונג.

° ° °

מאיר צעלניקער, צוריקקומענדיק פון זיין נסיעה פון ישראל, שרייבט אַ דראַמע דאָס טעמאָ איז דאָס איצטיקע ישראל־לעבן. אין אַ מסיבה צווישן אַקטיאָרן חברים און שרייבער אין קינדער האבן מאיר און פרוי צעלניקער געפייערט זייער רובינען חתונה. מיר ווינטשן דעם יינגען פאָר נאָך א סך גוטע יאָר.

° ° °

ביי די סעמינאַרס האָבן זיך ביטייליקט אין ערשטן סעמעסטער: מיכאל זלבערבערג, יעקב ריכטגער, י. ל. קרעדטאָר, ש. י. האַרענדאָרף און אהרן ראַלין. דעם 9׳טן יאַנואַר הייבן זיך ווידער אָן די לעקציעס פּינקטלעך יעדן דינסטיק 8 אזייגער אין דער קאַנאַן בארנעט סקול קאָמערשל סטר. א.1.

° ° °

אין דער פילגייט־שול לערנט הרב צימערמאַן יעדן מאָנטיק 8 אַזייגער אַ שיעור גמרא.

אל ה פאַלושאַק האָט גערעדט ביי די שבת נאָכמיטאָגס: די יידישע פּאָעזיע פון פרץ ביז מנחם באָריישא. מאָריס מינדעל — פון ווילנער גאון ביז הערש לעקערט.

° ° °

משה דאָמב איז איינגעלאַדן געוואָרן קיין בריסל צו האַלטן א פאָרטראַג.

° ° °

„די שטאָט מיט שמאָלע הימלען“, א בוך נאָוועלן און דערציילונגען אונטער דעם נאָמען, פון אַ מ. אָרזשיצער, וועט די טעג, ארויס אין ארץ־ישראל.

° ° °

סער באַזעל העריקעס, אַן אָנגעזעענעם כלל־טוער אויף דער ענגליש־און יידישער גאַס, איז פאַרגאַנגענעם חודש געשטאָרבן.

° ° °

ביי די מלווה־מלכות, איינגעאָרדנט אין בית־מדרש־הגדול אין קאָמאַרשל ראָד פון בית ציון, האָבן גערעדט די פעדערעשן רבנים הרב צימערמאַן, הרב שפּעטמאַן און הרב פישער. ביי די עונג־שבתים אין דער זעלבער שול, פרייטצונאַכט, באַטייליקן זיך הרב האַלשטיק רעוו. חזן קאַצענעלבויגן און רעוו. גייער.

° ° °

דער רעצטאַטאָר פון ישראל ראַ, ענקראַנץ, קולטור־לייטער פון הסתדרות, האָט געגעבן א רעצטאַציע אין הלל־הויז, איינגעאָרדנט פונם וועלט־קאָנגרעס און שרייבער פעראיין — דער קינסטלער האָט מיט גרויס־מייסטערשאַפט געלייענט אין יידיש און העברעאיש, און רויסגערופן גרויס באַגייסטערונג.

° ° °

דר. אהרן שטיינבערג האָט פאַרגאַנגענעם חודש געהאַלטן א פאָרטראַג איבער דובנאָוון אין אַרבעטער־רינג. זיין פיל־זייטיקער שמועס איבערן גרויסן יידישן היסטאָריקער האָט אַרויסגערופן אַן אינטערעסאַנטע דיסקוסיע.

ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון“

מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנאַמענט אָפּצאָל. דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט.

פּאַווע איר פֿאַרליבט בריוועלע זיי אַראָפּ, — פּאַר זיי איז דער גראַנגל זייער אייגן ביסל לעבן! „אשרי האיש״!! ווי וויל איז זיי וואָס האָבן כוח אויס האַלטן.

אָט די יחידים אין וואַקואום פון איצט אויסגעהוילטן, יידישן לעבן, לעבענדיק אין אַ סטראַטאָספערע פון איינזאַמקייט און טויט־געפאַרן, זיי שאַפן דאָס אין זייער פאַרלאָזנקייט די נייע אַטמאָספערע פאַרן שלמעלהדיקן יידישן שאַפן פאַר קומענדיקע לעבעדיקע דורות, און זיי זיינען זיך גענוי באַוווסט אין זייער שליחות, ווי יעדער פון דער נאַטור־געשיקטער, שעפעריש־באַוווסטער שליח: איצט אַז מיר זיינען שוין, ברוך השם, ככל הגוים נישט נאָר מיטן עברית אין אונזער אייגענער מדינה, נאָר אין די סינאַגאָגעס אונזערע „בכל מקום שהם מיט אונזערע „סערוויסעס און פרעיערס״, מוז אונזער מאַמעלשון בלייבן שבת־יום־טובדיק, של־מעלהדיק — „ורוממתנו מכל הלשונות.

זיי, די יחידים, ווייסן, נישט לאַנג וועט דויערן די פּאַלטשע־פּאַפירן בערזעס, דער מאַרק שרייערישער מענה־לשון יריד אויף אונזערע אייגענע געמאַרקן—בית קברות־חתונות הערן אויף, ווען די מגיפות, רחמנא הלצלן, שטעלן זיך איין! די כאַל־מלא רחמים־מאַכער זוכן זיך אנדערע בעסערע פונסות... כבוד־קריכער, כיטרע מעקלער און טעלער־לעקער, פרעסן זיך סוף כל סוף איבער, ביז צום בויך־פּלאַצן און ווערן אַזוי ממילא עפּושדיק פאַרשטונקן אין אייגענעם געמייקע... זיי, די יחידים, ווייסן זייער וווּיל, פּאַר אָט די מיגילדיקע בריאים מוז מען זיך זייער שטאַרק אין אכט נעמען — נישט אָנגעשטעקט צו ווערן חלילה אין די קלעפּיקע חולאתן און חלילה די מגיפה נאָך ווייטער פאַרציען — מ׳מוז זיי האַלט גוט אונטער מיקראָסקאָפּ אָט די מגושמדיק קליינע בריאימלעך... ווי נויטיק שלאָטן־שמשים קאָנען זיך טיילמאָל מאַכן מיט זייערע לאַפיטוטן־געשיקטקייט, מוז מען זיי אַלץ מער קוקן אויף זייערע הענטלעך און באַצילן שרויפנדיקע גלאַטינקע פיסקלעך; אויף זייערע אמן־שאָקלדיקע, בייכלדיקע אימונקייט... מ׳איז ממש ס׳חיות נישט זיכער!

* * *

יאָ, נאָר מיט דעם געהיימען כוח, וואָס בינדט אויף א־סודות־פאַרבאָרגענעם אופן די יחידים איינעם מיטן אַנדערן אין אַלע ארבע פינות עולם, טרייבן זיי פון זיך די נישט־גוטע, די פּאַלטשע פּרעטענציעזוכער, די דיבוקים. און זיי ווייסן אויך וויל זייער שליחות: אָן דעם שעפערישן שם־המפורש אונטער דער צונג פאַלט דאָס פאָלק גולמדיק צוזאַם, אַ הייפעלע ליים אָן לעבעדיקן אָטעם, וואָרום עס איז דאָס פנימיותדיקע שעפערישע וואָרט וואָס גיט פאָלק אייגענעם אַ־זען אויסערלעכע חשיבות, צו קענען באַהאַלטן זיין גראָדע האַלטונג צווישן פרעמדע און זיין אינערלעכן שטאָלץ אין זיך אַליין.

## אין טאָג פון יום־הדין — ח. טבת, תשכ״ב

וועןאיך טראַכט וואָס דו האָסט אונז געטון, דייטשלאַנד,
וואָס איז ליבע, וואָס נאָך לעבן, וואָס געזאַנג?
אַלץ וואָס אין מיר אַ קנויל פון קללה־שפּרוכן,
אַ שלאַנגען באַשווערער כ׳ווער, און דו — די שלאַנג!



כ׳פּרעפּל מיינע שפּרוכן איבער דיר, דייטשלאַנד —
אַ מכשף ווען ער ציט דעם כשוף־קרייז!
וואָס נאָך רחמנות, וואָס סליחה ומחילה,
אַ לאַנד איינגעטונקט אַזוי אין אַלדעס־בייז.

נישט בלויז דער בלוטיקער און קאַלטער מאָרד — נאָר
אַזוי קאַלטבלוטיק, אויסגערעכנט גענוי,
אויף די שוואַכקייט פון מענטשן צו פאַרגעבן:
מילא, עס איז דאָך שוין געשען, נעבעך, אוי...

מחילה פאַר רוצחים וואָס האַנדלען אַזוי?
דער מינדסטער אין לאַנד געהאַט אַ האַנד אין דעם:
דער קוילעט, דער שינדט און דער פירט צום פאַרקויף
פון די אויסגעהאַקטע גאָלד־ציין — אַ דיאַדעם!

אַלץ פאַרשאַכערט, פאַרהאַנדלט, און ווי סוחריש,
ממש אַלץ פאַרנוצט ביז צו דער לעצטער האָר!
יעדעס שטיקעלע זייף וואָס כ׳נעם אין דער האַנט:
אפשר איז עס מיין שוועסטער צימעלע גאָר?...

און איצט מיט קדושים, מיט גוטסקייט געהאַנדלט —
מיט די דרייסיק טאָלער אָפּגעקויפט שוין אַלץ! —
נאָך דעם מערדער אין אַ קדוש פאַרוואַנדלען,
קריסטוס וואָס טוט דעם שטריק אַליין אָן אויף האַלדז —

אָ, ווילסט דיך אויסגלייכן מיט אונז, „גוט מאַכן״,
אין אַ צלם אויסגלייכן דעם האַקן־קרייץ?
כ׳דריי מיך אַרום מיר, מיט מיינע מיין כשוף־רייד,
אַ משוגענער הונט וואָס דרייט זיך אין קרייז:

אַז אויסשטרעקן ס׳וועט זיך מיין רעכטע צו דיר,
אָפּהאַקן איך וועל זי מיט מיין לינקער האַנט,
ביז אויסגעטרוקנט עס וועט ווערן מיין האַלדז,
מיין קללה־געפּרעפּל אויף דיין קאָפּ, דייטשלאַנד.

## „טוב מאוד זה המות״

„כי טוב״, קאָן ביליכער זיין איין לעבעדיקער מערדער,
ווי זעקס מיליאָן מתים? „היה לא תהיה״ — ניין!
און וועט ער בובעריש אונטערשרייבן די באַגנאַדונג,
אין אַזאַ „גוט־מאַכונג״ פּרעזידענט מ׳קאָן זיך גוט באַגיין.

אַז צו וואָס טויג שוין איינגאַנצן אַן אייגן יידיש לאַנד,
אויב „פּויפּסטלעכער ווי דער פּויפּסט״ מיר ברויכן נאָך אַלץ צו זיין?

די געפאַר זיי וועלן מאַכן פון אים אַן אייכמאַן־געץ ?
יעדעס פאָלק האָט סיי ווי סיי אַזאַ גאָט ווי ס׳איז אַליין.

מילא, אַ מאַרטין דער צווייטער, וואַשט לוטעריש־לויטער,
מיט יודן־פעץ־זייף, דויטש קעציש „זאובער״, הענט זיינע ריין — —
בלויז וויאַזוי נאָכן קדיש־יתום, ישראל־נשיא,
נאָך קענען נאָכזאָגן : „ברוך הוא, ברוך שמו, אמן״ —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

„אל מלא רחמים שוכן במרומים, המצאי מנוחה — —״
שטויב־צעמאָלן, מיסט אויף פעלדער צעשפּרייט אונזער געביין ;
אויף די מאַסן קברים פון לעבעדיק באַגראָבענע,
צומאָל נישט אויפגעשטעלט קיין „פּה נטמן״ מצבה־שטיין.

ווער קאָן העלפן אונזער בראָך, צומאָל באַקלאָגן אים,
אפילו ווען אַ נביא ווי יחזקאל וועט אויפשטיין ?
און נקמה צו נעמען פאַר דעם וואָס אונז אָפּגעטון,
אַלע שמשון־הגבור־גבורות זיינען צו קליין —

פאַרן פדיון־כופר־געלד פון אונזערע נשמות,
אַן אַרמיי באַוואָפנט קייגן גרעסטן שונא צו גיין — —
דאָ שטייט ער אונזער מערדער ! ! און שטאָט איין נקמה־שאָס,
ס׳קרבן־שילומימדיקע תציל־ממות־געוויין ?

## “PROST-NEUJAHR”-פראטעסט-ביכעלע (פראסטע גראמען)

כ׳נעם נישט אָן, געשיקט מיר ס׳פּראָטעסט־ביכעלע,
מיטן דייטשן פאָלק כ׳זאָל רחמנות האָבן,
וואָרים אויב דאָס טאַקע זאָל עס זיין דער פאַל,
מעגסט דו פנים, אין האַנט, פאַר שאַנד באַגראָבן :

הינטיש־סענטימענטאַל מיך גאָר צו מאַכן,
צי אַליין ווילסט דו עס סלינעדיק ווערן,
מיט פאַריתומט הינטל אויף צווייטער זייט וואַנט,
וואָס באַלעקט זיך אויף דער — מיט רחמנות־טרערן ?

העלדן־פאָלק, לאַנץ־קנעכט פון גאַנצער וועלט נאָך איצט,
אייראָפּא פון סאָוויעט־לאַנד צו באַשיצן !
און גייט נעבעך נעמען אויף זיכער אַצינד,
מיט אַן אילוסטרירט ביכעלע מיט וויצן — —

וואָרים וואָס איז דען די מעשה מיטן הינט,
און כלה פאַר דער וואַנט אין חופּה־שלייער,
קייגן איין איינציקע רגע, ווען איך טראַכט,
פון אַ געטאָ־וואַנט אונטער נאַצי־פייער ?



איך שרייב דאָ נישט דייטש, נאָר נאַצי, ווייל איך ווייס,
ווי דו ליידסט פאַר דיינע ברידער און שוועסטער — —
ווייס, אין אָשוויץ ברענט מיין שוועסטער צימעלע,
און געטאָ פאַר מוטשעט מיין שוועסטער אסתר — —

טשאַטעס הינט אויף מיין ברודערס קינדער געהעצט,
און ביים לעבעדיקן לייב זיי צעריסן.
מילא דעמלט, נאַציס געטון, נישט געוווסט . . .
אבער אַצינד מעגט איר דאָך עס שוין ווייסן.

## א תחינה פאר די נשמות פון די קדושים פאר יאר 1962

טאַטע פאָטער דו, דו „רחום וחנון״,
גיב דאָך אונז כוחות נקמה צו נעמען ;
פלאַמען־ברענענדיקע־הערצער צו קילן —
שטילן דאָס שנאה־ווייעדיקע קלעמען.

„א וואָרעם, אז מען טרעט אים קאָרטשעט ער זיך״,
ערשט הערצער, אומשולדיקע, זעקס מיליאָנען — —
גאָט צבאות, „אל נקמות ד׳״,
ווילאַנג נאָך דיין צאָרן איינהאלטן קאָנען ?

קוים אויב דו אַליין, דו „נוקם ונוטר״,
דיין נקמה־האַק אַליין וועסט אויפהייבן,
עס וועט דאָך, חלילה, פון דער גאַנצער ערד,
קיין איין שטויבל דעמלט נישט איבערבלייבן.

אַזאַ מיליאַרדן־צענטער אַטאָם־באָמבע,
וועט זי אין איין רגע ווערן צעריסן — —
וואָרים אזוי גרויס ווי דיין גרויסער גענאָד,
איז דאָך גרויס דיין גרעכטיקייט, דיין געוויסן.

און דעמלט ווער איז ריין, ווער איז דער צדיק ?
דו משפטסט דעם רשע מיטן גערעכטן :
דעם מערדער, וואָס אין מיטן־טאָג געשאָכטן,
און דעם — קאַלט־בלוטיק צוגעזען דאָס שעכטן.

„כי אתה יודע רזי עולם״,
אז ווער ווייסט ווער דער צדיק, ווער דער זינדער ?
און צי באַשטראָפט דען נישט אַ טאַטע שטרענגער,
זיינע אייגענע פאַרזינדיקטע קינדער ?

האַרציק־דערבאַרעמדיקער, אב הרחמים,
איך ווייס אפילו נישט צו וועם איך טו תפילה ;

ווי צוויי ווערבע צווייגלעך, וויאַן־ווייך צעווייקטע,
וויינען מיינע לעפצן וואָיענדיק שטילע — —

אַ, אויף אַלע פיר, כ׳דערגריבל מיך צו דיר,
אַ ניוכנדיקער הונט אין זוך־געראַיע ;
מיט מיילער פון לעבעדיק באַגראָבענע,
כ׳יללה צו דיר שמע־ישראל־געוואָיע.

„אל־צבאות ד׳״, כל־יכול דו,
האסט דו געוואָלט מיט קדושים מיליאָנען
אונז ווייזן, אז די גאַנצע מענשהייט אזוי,
ווערסט דו, אָן רחמנות, אימברענגען קאָנען — — — —

י. ריכטיגער

## יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

### דער נס און דער נאמען פון חנוכה

ב

צוליב וואס פאר א נס עס איז איינגעפירט געווארן אנצוצינדן ליכטלעך אין די אכט טעג חנוכה זאגט אונז א גמרא. אויף דער פראגע — „מאי חנוכה״ : וואס פאר א יום טוב איז חנוכה ? ווארעם האבן אונז די רבנן געלערנט, אז דער פינף און צוואנציקסטן טאג אין חדש כסליו איז דער אנהייב פון די חנוכה טעג, די אכט טעג אין וועלכע מען זאל ניט טרויערן אדער פאסטן ? ענטפערט די גמרא — אז די יוונים זענען אריינגעגאנגען אין היכל האבן זיי מטמא געווען דעם גאנצן לאגער אייל וואס האט זיך געפינען אין היכל, און ווען דער מלכות בית חשמונאי האט זיי באזיגט האבן זיי געזוכט און ניט מער געפינען נאר איין קריגעל ריינעם אייל, וואס איז נאך געלעגן פארחתמט מיטן זיגעל פון כהן גדול. אין דעם קריגעל איז געווען אייל צו ברענען אין דער מנורה איין טאג, איז געשעען א נס און דער אייל פון קריגעל האט געב־ מאכן ימים טובים מיט לויב און דאנק. (שבת כ״א) רענט אין דער מנורה אכט טעג. האט מען דעם קומענדיקן יאר באשלאסן צו

אבער מערקווערדיק, ניט אין „הנרות הללו״, וואס מען זאגט בשעתן אנצינדן די חנוכה ליטלעך, געפינט זיך אפילו קיין רמז וועגן נס מיט א קריגעל אייל, און אויך ניט אין דער לויב תפלה „בימי מתתיהו״, וואס מען זאגט לכבוד חנוכה אין די שמונה עשרה נאך מודים ?. די לויב תפלה „בימי מתתיהו״ ענדיקט זיך, נאכן דערציילן וועגן דעם גרויסן נס אז מתתיהו מיט זיינע זין האבן מיט דער הילף פון אלמעכטיקן מנצח געווען די שטארקע און צאלרייכע ארמיי פון די יוונים, „ופנו את היכלך, וטהרו את מקדשך, והדליקו נרות בחצרות קדשך, וקבעו שמונת ימי חנוכה״ : זיי האבן אויפגערוימט דיין היכל, גערייניקט דיין הייליקטום, אנגעצינדן ליכטלעך אין דיינע הייליקע הויפן און איינגעשטעלט די אכט טעג חנוכה . . . וואס קאן ניט זיין אן אנדייטונג אויף דער מנורה, ווייל די מנורה איז געשטאנען אין היכל, ניט אין הויף פון בית



המקדש. ערשט לערך זיבן הונדערט יאר צוריק האט א פאעט מיטן נאמען מרדכי פארפאסט א ליד „מעוז צור״ לכבוד חנוכה און אין דעם ליד אריינגענומען דעם נס מיטן קריגעל אייל. אבער אין די אלטע געשיכטעס, ווו עס איז פארשריבן די מלחמות פון מתתיהו און זיינע זין קעגן די יוונים, ווערט דער נס מיטן קריגעל אייל ניט דערמאנט, און אויך ניט אין דער געשיכטע פון יוסיפון פלאוויוס, וואס איז זיין צייט האט מען דעם יום טוב אנגערופן „חג הנרות״. און אין א פסיקתא, וואס איז פארפאסט געווארן עטלעכע הונדערט יאר פאר דער פארפאסונג פון דער גמרא, געפינט זיך גאר א גאנץ אנדערע מעשה, צוליב וועלכער מען זאל האבן איינגעפירט אנצוצינדן ליכטלעך אין די אכט טעג חנוכה. — די פסיקתא פרעגט — פארוואס האט מען מתקן געווען אנצוצינדן ליכטלעך אין די אכט טעג חנוכה ? און זי ענטפערט — ווען די קינדער פון די חשמונאים האבן מנצח געווען די יוונים זענען זיי אריינגעגאנגען אין בית המקדש און געפינען אכט שפיזן, וואס די יוונים האבן איבערגעלאזט, האט מען די שפיצן פון די שפיזן אריינגעשטעקט אין דער ערד און אין די אנדערע זייט פון די שפיזן, ווו די שטעקענס זענען געזעסן האט מען אריינגעגאסן אייל און אנגעצינדן. (ילקוט אליעזר ערך חנוכה)

אחוץ דעם, וואס אויסער אין דער גמרא, ווערט אין ערגיץ ניט דערמאנט דער נס מיטן קריגעל אייל, זענען די דינים פון די חנוכה ליכטלעך טאטאל להיפוך צו די פון דער מנורה, אנשטאט זיי זאלן זיין ענלעך כדי צו אָדערמאנען דעם נס. די מנורה האט געברענט אין א שטוב — אין היכל, און וועגן די חנוכה ליכטלעך זאגט די גמרא — „נר חנוכה מצוה להניחה על פתח ביתו מבחוץ, אם היה דר בעלייה מניחה בחלון הסמוכה לרשות הרבים״ : די חנוכה לאמפ איז מצוה אנצוהענגען אויף דער טיר פון דרויסן, אויב איינער וווינט אויף אן אויבערשטן שטאק זאל ער איר אנידער שטעלן אין פענסטער וואס גייט ארויס אין גאס. טאקי אזוי ווי עס שטייט אין דער לויב תפלה „בימי מתתיהו״ — „והדליקו נרות בחצרות קדשך״ : זיי האבן אנגעצינדן ליכטלעך אין די הייליקע הויפן — דרויסן. די מנורה האט געברענט כדי עס זאל זיין ליכטיק אינם היכל, די כהנים זאלן זען אריינצוקומען און ארויסצוגיין, (מנחות פ״ו און אבן עזרא שמות כ״ז) און ביים אנצינדן די חנוכה ליכטלעך זאגט מען — „הנרות הללו קודש הן ואין לנו רשות להשתמש בהן אלא לראותם בלבד״ : די דאזיקע ליכטלעך זענען הייליק, מיר האבן ניט קיין רעכט צו באדינען זיך מיט זיי, אליין נאר אנקוקן זיי. אויב א פלעמעל פון דער מנורה איז ארויסגעגאנגען אין משך פון דער נאכט האט מען עס געמוזט צוריק אנצינדן, און לגבי די חנוכה ליכטלעך בלייבט די הלכה — „כבתה אין זקוק לה״ : אז א חנוכה ליכטל גייט־אויס מוז מען עס ניט צוריק אנצינדן, ווייל „הדלקה עושה מצוה״ : אנצינדן די חנוכה ליכטלעך איז די מצוה, ניט דאס ברענען. (שבת כ״א, רמב״ם הלכות חנוכה פ״ד ה״ח) און צו דעם קאנטראסט אין די דינים קומט נאך דערביי, וואס פון דער גאנצער מעשה אין דער גמרא, וועגן נס מיטן קריגעל אייל, ווייס מען ניט ווען, און צוליב וועלכע געשעעניש מען

האט די אכט טעג א נאמען געגעבן חנוכה? די אלטע מפרשים זענען שוין געבליבן שטיין פאר דער פראגע און איינער פון זיי, רבינו נסים גירונדי — הר״ן, האט דערקלערט אז חנוכה איז א צוזאמענגעזעצטער טערמין פון „חנו כ״ה״: איר זאלט רוען דעם פינף און צוואנציקסטן. אבער אן אנדערער פון זיי, רב שמואל אידלש — מהרש״א, האט אים אפגעפרעגט, אז חנוכה רוט מען ניט — ווי שבת אדער יום טוב — מען מעג טוען יעדע ארבעט אין די חנוכה טעג. דעריבער איז זיין מיינונג, אז די אכט־טעג ווערן אנגערופן חנוכה, וואס דער טייטל איז איינגעווינען אדער איינהייליקן, ווייל זיי זענען אן אנדענקן פון „חנוכת המזבח״: איינהייליקן א נייעם מזבח, אן ער באווייזט פון א משנה אז מען האט דעמאלט טאקי איינגעלייגט דעם אלטן מזבח, די משנה זאגט — „מזרחית צפונית בה גנזו בני חשמונאי את אבני המזבח ששקצום מלכי יון״: אין דער לשכה פון מזרח צפון האבן די חשמונאים זין באהאלטן די שטיינער פון מזבח וואס זענען פאראומרייניקט געווארן דורך די יונישע מלכים, האט מען אויפגעבויעט א נייעם מזבח און אים איינגעהייליקט. (מדות פ״א ה״ו, מהרש״א שבת כ״א) אין אמתן איז די געשעעניש איבערגעגעבן אין דער משנה ציטירט געווארן פון ספר חשמונאים — א. דערפאר איז די מיינונג פון מהרש״א, אז מען האט דעם נאמען חנוכה גענומען פון טערמין חנוכת המזבח, היסטאריש ריכטיק. איצט, אז דער נאמען חנוכה איז טאקי גענומען פון טעכמין חנוכת המזבח, מוז מען אויך מודה זיין, אז מען פייערט ניט אכט טעג חנוכה וועגן א נס מיט א קריגעל אייל, נאר ווייל דער בית דין פון יהודה המכבי האט באפוילן מען זאל יעדעס יאר פייערן אכט טעג חנוכה צום אנדענקן פון זייער פייערן דעם חנוכת המזבח אכט טעג, ווי מען זעט עס פון דער וויטערדיקער ציטירונג.

אין ספר חשמונאים־א. ווערט איבערגעגעבן, אז נאכן נצחון איבער די יוונים האבן די כהנים מטהר געווען דעם בית המקדש און באשלאסן איינ־צולייגן דעם אלטן מזבח ווייל ער איז פארשוועכט געווארן פון פרעמדע. — „ויניחו את האבנים על הר הבית אל מקום פלני אלמוני . . . ויקחו אבנים שלמות . . . ויבנו מזבח חדש כתבנית הראשון״: זיי האבן אוועק געלייגט די שטיינער פון אלטן מזבח אין א געוויסן ארט — אין דער לשכה צפונית מזרחית, און פון אנדערע רויע שטיינער אויפגעבויעט א נייעם מזבח, ווי דער ערשטער איז געווען. — „ויחגו את חנוכת המזבח שמונת ימים . . . ויצו יהודה ואחיו וכל קהל ישראל לחג את חנוכת המזבח ביום החמשה ועשרים לחדש כסלוו שמונת ימים מדי שנה בשנה בהלל ובתודה לד׳״: נאכן אויפבויען דעם נייעם מזבח האבן זיי געפייערט די איינהייליקונג פון מזבח אכט טעג. און יהודה המכבי מיט זיינע ברידער און די גאנצע געמיינדע האבן באפוילן מען זאל פייערן די איינהייליקונג פון מזבח, אנהייבענדיק דעם צוואנציקסטן טאג אין חדש כסלו, אכט טעג יעדעס יאר מיט לויב און דאנק צום אלמעכטיקן. (חשמונאים־א. ד׳) דאסזעלבע ווערט אויך באשטעטיקט אין חשמונאים־ב. דארט שטייט — „את יום חנוכת המזבח לא חדלנו מהודיע אתכם לחג אותו עמנו.



והגותם אותו כימי חג הסוכות״: דער מחבר פון ספר האט געשריבן צו די יידן אין מצרים — צו פייערן מיט אונז דעם חנוכת הבית יום טוב האבן מיר ניט פארפעלט צו לאזן אייך וויסן. און איר זאלט אים פייערן ווי די טעג פון סוכות — אכט טעג. (חשמונאים־ב. א׳) עס איז דעריבער קיין ספק ניט אז מען האט איינגעפירט צו פייערן אכט טעג חנוכה צום אנדענקן פון די אכט טעג חנוכת המזבח פייערונג, וואס יהודה המכבי מיט זיינע מענטשן האבן געפייערט נאכן נצחון איבער די יוונים.

פארשטייט זיך, אז מען האט גענומען דעם נאמען חנוכה פון חנוכת המזבח און די אכט טעג זענען א דערמאנונג אין די אכט טעג פייערונג פון חנוכת המזבח, ניט וועגן א נס מיט א קריגעל אייל, וואס האט געברענט אין דער מנורה אכט נעכט אנשטאט איין נאכט, מוז מען דאך אנווייזן אן אנדערע געשע־עניש צוליב וועלכער מען האט איינגעפירט אנצוצינדן חנוכה ליכטלעך. מען דארף דעריבער א דורכבלעטערן די געשיכטע פון מתתיהו און זיינע זין, כדי צו געפינען עפעס א געשעעניש אדער אן נס, וואס האט געפירט צום ערשטן נצחון איבער די יוונים און דערפאר צו פייערן די אכט טעג חנוכת הבית, ווי אויך חנוכה לדורות. — לערך דריי יאר האט יהודה המכבי מיט זיינע אנהענגער געקעמפט קעגן די יוונים, ציערשט איז עס געווען א גארילע אדער פארטיזאנען קאמף קעגן דער יונישער באזעצונגס ארמיי, אין די פינסטערניש פון די נעכט האבן זיי דערהרגט די יונישע פאטראלן, פארברענט די אבאזן מיט עסן און צעשטערט די פארבינדונגען צווישן די מיליטערישע גארניזאנען וואס זענען געווען פארשפרייט איבערן לאנד. איינמאל אנהייב רעגן סעזאן — ארום האלב חדש תשרי — האט גרעגיאס, דער יונישער גענעראל איבער די ארץ ישראל ארמיי, באקומען א ידיעה פון מוסרים, אז יהודה המכבי מיט זיינע פארטיזאנען געפינען זיך אין די היילן אויף א הויכן בארג נעבן זיין ווינטער קוואטיר. האט ער גענומען פינף טויזענט סאלדאטן פוסגייער און טויזענט רייסטער ארויפצוגיין אויפן בארג, כדי אויסצוראטן די פארטיזאנען אין זייער באהעלטעניש. ווען די שומרים פון יהודה המכבי האבן פון זייערע אויסקוק פאסטענס באמערקט די ארויפקלעטערנדיקע יונישע זעלנער און געווארענט די פארטיזאנען, האט יהודה המכבי צונויף גענומען זיינע מענטשן און איז מיט זיי ארונטער גענידערט פון אן אנדערער זייט בארג קאמופלירט מיט צווייגן פון ביימער. כמעט א גאנצן טאג האט געדויערט ביז די יוונייער האבן דערגרייכט די היילן ווו די פארטיזאנען האבן זיך געהאט באהאלטן, און ווען זיי זענען צוגעקומען איז שוין יהודה המכבי מיט זיינע מענטשן ניט דארט געווען. דערווייל האט אנגעהויבן צופאלען דער בין השמשות, די אוונט טונקעלקייט האט איינגעשלונגען די געדרייטע שטעגן פון בארג, און ניט זייענדיק באקענט מיט דער סביבה האט גרעגיאס באשלאסן צו איבערנעכטיקן אויפן בארג.

אינצווישן איז יהודה המכבי מיט די פארטיזאנען אראפגעקומען אין טאל נעבן דעם יונישן ווינטער קוואטיר. וויסנדיק אז דער גרעסטער טייל פון די

רעגולערע זעלנער זענען אויפן בארג, האבן זיי איינציגווייז אויסגעהרגט די ווערטער און אונטערגעצינדן דעם גאנצן לאגער. א שארפער הערבסט ווינט האט אויפגעבלאזן דאס פייער, א געדיכטער שווארצער רויך האט איינגעהילט דעם בארג און פון די פלאמענדיקע צינגן, וואס האבן זיך געהויבן אין דער הייך, איז דער פינסטערער הימעל רויט געווארן. די פלוצימדיקע אויפלייכטונג פון די בארג פעלזן האט דערוועקט די אויפמערזאמקייט פון די יווניש סאל־דאטן, וואס זענען געווען באשעפטיקט פאר צו גרייטן זייער נאכט געלעגער, זעענדיק, ווען זיי האבן ארונטערגעקוקט, אז זייער ווינטער קווארטיר ווערט פארצערט פון א העליש פייער און איז ארומגערינגעלט פון א מחנה פארטי־זאנען, וואס דער אפשיין פון זייערע שאטענס האט פארצענפאכט זייער צאל, איז אויסגעבראכן צווישן די טויזענטער יווניש סאלדאטן א שרעקלעכער פאניק. מורא האבענדיק אז דער גאנצער בארג וועט פארברענט ווערן מיט זיי אדער די פארטיזאנען וועלן זיי פארטילקן, האבן זיי, שטיקענדיקע פון רויך און ציטערנדיקע פאר זייער לעבן, אראפגעווארפן פון זיך זייערו באוואפע־נונג און זענען אנטלאפן איבער די גרעניץ פון ארץ ישראל. יהודה המכבי מיט זיינע מענטשן האבן נאכגעיאגט די יווניש זעלנער און צונויף קלויבענדיק די אוועק געווארפענע כלי זין, גאלד, זילבער און אנדערע ווערט זאכן, האט יהודה המכבי געהאט צו באוואפענען צען טויזענט יידן, וואס האבן דעם צווייטן יאר מנצח געווען נאך א גרעסערע ארמיי, געשיקט פון מלכות יון הרשעה אונטער גענעראל ליזיאס קיין ארץ ישראל.

ווען דער דריטער זומער איז א דורכגעגאנגען און דער מלכות יון הרשעה האט ניט געשיקט קיין פרישע ארמיי קיין ארץ ישראל, האט יהודה המכבי געזאגט צו זיינע אנהענגער — מיר האבן דערשלאגן דעם פיינד און די צייט איז געקומען מיר זאלן מטהר זיין דעם בית המקדש פון אלמעכטיקן. האט די גאנצע יידישע ארמיי זיך פארזאמעלט אין ירושלים, און יהודה האט אויסגע־ווילט פון די כהנים, די וואס זענען ניט טמא געווארן און וואס האבן זיך ניט אסמילירט מיט די יונים, אויסצורייניקן דעם בית המקדש פון דער געצנ־דינערישער טומאה. אלע כלים פון בית המקדש האבן זיי געקאנט מטהר זיין מיט טובלן אדער כשרן, ווייל זיי זענען טמא געווארן מיטן אנרירן פון די געצנדינערישע הענט, ווי מען געפינט דאס פאראייביקט אין א וויץ, ווען די כהנים האבן געטובלט די מנורה זענען די צדוקים ארויס אין גאס און געזאגט — „ראו פרושים מטבילין גלגל חמה“ : זעט, די פרושים טונקן אונטער די זון, אין וואסער כדי איר מטהר צו זיין. (ירושלמי חגיגה פ״ג ה״ח) דער מזבח, אבער, האט איינגעזאפט אין זיך בלוט און פעטס פון די חזרים, וואס די פאררעטערישע כהנים האבן אויף אים מקריב געווען, האט יהודה המכבי מיט זיין בית דין באשלאסן איינצולייגן דעם פאראורייניקטן מזבח און באהאלטן די שטיינער אין א לשכה ביז עס וועט אויפשטיין א נביא צו זאגן וואס צו טוען מיט די שטיינער, און ווי שוין פריער אנגעוויזן האט רבי ציטירט די געשעעניש אין א משנה. (מדות פ״א ה״ו) נאכן צעלייגן דעם פאראומרייניקטן



מזבח האבן זיי געבויעט א נייעם, דערווייל זענען וואכן פארגאנגען און עס האט זיך דערנענטערט דער פינף און צוואנציקסטער טאג אין חדש כסליו, דער טאג אין וועלכן דער משכן פון משה רבינו איז פערטיק געווארן, (בראשית רבה) און דער טאג אין וועלכן די יונים האבן מיט עטלעכע יאר צוריק באזעצט דעם בית המקדש. האט יהודה המכבי מיט זיין בית דין באשלאסן אנצוהייבן איינהייליקן דעם נייעם מזבח פון פינף און צוואנציקסטן טאג אין חדש כסליו, אכט טעג, ווי די טראדיציע פון חנוכת המזבח איז געווען, און זיי האבן באפוילן צו פייערן לדורות יעדעס יאר אכט טעג צום אנדענקן פון חנוכת המזבח. (חש־מונאים־א. ד׳)

— המשך קומט —

## יוסף לעפטוויטש

### שלום אש

ווען דו ביזט פון מזרח געקומען אין וועסטן,
האסטו מיך געפאנגען אין דיר.
איך האב דערהערט דעם קול אין דעם דארן,
דורך דיינע אויערן, ריידן צו מיר.

דער דארן רעדט ווייטער,
נאר מיר הערט עס זיך איצט שווער,
וויל דו, וואס פלעגסט עס מיר איבערגעבן,
ביזט נישטא מער.

אונזער צייט, פלעגסטו זאגן,
איז ביי גאט אין דער האנט.
דו ביזט געשטארבן אזוי פלוצים.
האסט דיין צייט ניט פארזאמט.

איצט לייען איך וואס דו האסט געשריבן,
מיט תפילה און מיט געוויין.
דו רעדסט מיט מיר ווייטער
דורך דיין טויטן געביין

איך בין אלץ נאך געבונדן
מיט דיר, מיין פריינט.
איך הער דיין קול ריידן,
ווייטער, אויך היינט.

## שמואל ווהייט

### רויזן בלעטלעך

צעפאלענע בלעטלעך
ווינקען צו מיר
מיט רויטן קאליר,

שפרייטן אין דער לופט
דארט־פארפאמען־דופט
אזוי געשמאק אזוי געטליך.

זיי דערציילן פון זיין,
פון אייביגן מיען,
פון וואקסן פון בליען,

פון וועלקן פון פאַלן,
וואו אלץ ווערט פארפאלן,
א לעבן פון מאטער — פון פיין.

אזוי רעדן בלעטער,
אין טעג פון פאלן,
דער אייביגער שפיל פון געטער,
וואו אלץ ווערט פארפאלן . . .

## מיין געזאנג

איך קאן ניט זינגען פון נויט,
מיר האט קיינמאל געפעלט ברויט,
כ׳קאן אויך ניט זינגען פון פרייד.
ג׳וועבט איז מיין לעב מיט לייד,
זינג איך פון לעבענס־מאטער,
פון לייד און פיין אַ זאטער . . .

## בן צבי ברנשטין

## יענקל הוש

משוגעים, רחמנא לצלן, פעלן נישט, דאכט זיך, אויף דער גאנצער וועלט און יעדע שטאט האט איר אייגענעם משוגענעם. אבער אזא מין משוגענעם, ווי יענקל הוש, האט די וועלט זעלטן ווען געבוירן.

פון וואנען ער האט זיך גענומען, האט קיינער נישט געוווסט. ווען איך בין נאך געווען א קליין ייִנגל, געדענק איך ווי דער בית־המדרש שמש האט דערציילט שבת ביים דאוונען, אז מיטוואך פארטאג, בשעת אין דרויסן האט געברענט א מוראדיקע פראסט און ער איז געקומען איינהייצן דעם אויוון, כדי ס׳זאל זייןווארים צו שחרית, האט ער פלוצים דערהערט א קלאפן אין דער טיר. ער האט אויפגעעפנט און דערזעען פאר זיך א נידריק־פעטן, אפגע־ריסענעם בחור מיט א לייוונטענער טארבע איבערן אקסל.

דער בחור איז אריין אין בית־המדרש און גלייך צוגעלאפן צום אויוון. האט זיך אנידערגעזעצט אויף דער באנק און אנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן אן אן אויפהער. „אלע בייזע חלומות צו זיין קאפ! נאדיר גאר א משוגענעם צום טיש, ער פעלט אונז נייטיק אויס“, האט זיך א טראכט געטון דער שמש. אבער דא האט ער זיך דערמאנט אין דער קרירא אין דרויסן, און רחמנות געקריגן אויף דעם אורח.

— פון וואנען איז א ייִד? — האט ער אים געפרעגט, געבנדיק אים א „שלום עליכם“. דער אורח האט געקוקט אויף אים, געפינטלט מיט די אויגן און גארנישט געענטפערט. — ס׳איז אפנים א ביטערע קעלט אין דרויסן, — האט דער שמש ווייטער פרובירט פארפירן א שמועס מיט אים, — איר ציטערט, נעבעך. פון וואנען קומט איר?



— איך קום פון יענער וועלט! — האט דער אורח אים געענטפערט, און האט ווידער א פינטל געטון מיט די אויגן. — „ער“ לאזט אייך גריסן און וועט, מסתמא, קומען צו אייך געוואר ווערן . . .

דער שמש האט נשתומם געקוקט אויף אים, ווידער פרעגנדיק,

— ווער האט מיך געלאזט גריסן? און ווער וועט עס צו מיר קומען?

— „ער“, מיין פריינט, דער מלאך־המות, — האט ער אין איין אטעם געגעבן א רעד ארויס און אויפסניי צוגעפינטלט מיט די אויגן. פלוצים האט ער זיך אויפגעשטעלט אויף דער באנק, א קלאפ געטון מיט די הענט און אנגעהויבן קרייען ווי א האן . . .

אין אנפאנג האט דער שמש זיך דערשראקן, נאר באטראכטנדיק דעם פאר־שוין, האט ער באקומען רחמנות און אים געלאזט פארבלייבן אין בית־המדרש. פון דעמאלט אן איז יענקעלע הוש שוין דארט פארבליבן א שטענדיקער תושב.

איינמאל א שבת ביי שלוש־סעודות, אין מיטן זמירות־זינגען, האט זיך דער אורח אונזערער, זיצנדיק אזוי הינטערן אויוון, געגעבן א שטעל אויף אויפן טיש, וואס איז געשטאנען נעבן אויוון, א קלאפ געטון מיט די הענט און אנגעהויבן קרייען. היות אין דרויסן איז ווידער געווען א שטארקע פראסט און אין בית־המדרש — ווארים, האבן זיך אלע יונגאטשעס און קליינע לאבוזעס פארזאמלט אין בית־המדרש אריין; די בעסטע צייט צו יונגאטשעווען.

דערהערגדיק דאס קרייען, האבן אלע, ווי מיט איין קול, אנגעהויבן שרייען „הוש, הוש!“ גענוי ווי ווען מ׳שרייט אוועקצוטרייבן א הון. קליינוואַרג האבן זיך מיט דעם שטארק משמח געווען. עטלעכע בעלי־בתים זענען צוגעגאנגען צו אים און מיט א שטיקל הערינג פונעם שלוש־סעודות אים איינגעשטילט.

פון דעמאלט אן האט ער באקומען דעם פארדינטן נאמען „הוש“, און קינדער האבן מיט אים געפירט אן אייביקן קאמף: אין בית־המדרש ביים דאוונען, אין גאס און אומעטום, ווו נאר מ׳האט אים דערטאפט. ער פלעגט זיי נאכיאגן, ווארפן שטיינער, שייטלעך האלץ און וואס ס׳איז אים נאר אונ־טערגעקומען צו דער האנט. ער פלעגט אויך שרייען, און קוויטשען ווי א משוגענער הונט.

יענקעלע הוש איז נישט געווען דער איינציקער משוגענער אין אונזער שטעטל פרעמישלאן.

## נישט געשטויגן, נישט געפלויגן

ווער האט דאס נישט געקענט הערשעלע דודלזאק פון פרעמישלאן? דאס גאנצע שטעטל האט דאך געקלונגען מיט דעם תכשיט! אליין איז הערשעלע געווען אן עלטערער בחור, מיט אסך מלאכות: א טענצער, א פויקער און א שטובן־מאלער.

מיט די ערשטע צוויי מלאכות פלעגט ער זיין פארנומען א גאנצן ווינטער. האט געדונגען דעם געמיינדע זאאל אין שטעטל, וואס דערויף האט ער געהאט א חזקה פון יארן. און אהין זענען געקומען די בחורים און מיידלעך זיך לערנען טאנצן און אמוזירן אן אוונט.

קליין און גרויס האט זיך אמוזירט מיט הערשעלען אין פרעמישלאן. ער האט געהאט א טבע אויסצוטראכטן כלערליי קונצן און אפצוטון פארשיידענע שפיצלעך; און אז ער האט זיך אונטערגענומען עפעס אויפצוטון, האט שוין יעדער איינער געוווסט, אז ס׳וועט זיין צו זעען און צו לאכן.

פון ערב־פסח אן פלעגט ער שוין זיין פארנומען מיט שטובן־מאלעריי. מען האט אים געקענט זעען ווי ער גייט מיט גאוה צו דער ארבעט, טראגנדיק די לייטערס אויף דער פלייצע אויסגעצויגן, ממש ווי א סאלדאט. א טערקיש רויט מיצל האט אים באצירט דעם קאפ, א פיפקע אין מויל און געקעסטלטע רייטהויזן, מיט געלע שטיוול, האט ער געטראגן, אזוי, אז זיין קליינע פיגור האט געמאכט דעם איינדרוק פון א קאמעדיאנטשיק אין א צירק.

אמאל אין א מיטוואך אין דער פרי האט הערשעלע דערציילט אין מארק, אז דעם קומענדיקן פרייטיק וועט ער אראפשפרינגען פון דער שפיץ מויער, ווי לייב צלאלס, דער שטאטישער גביר וווינט, און וועט פליען אין דער לופטן ווי א פויגל. די נייעס האט מען אויפגענומען מיט ערנסט, כאטש עס זענען געווען אזעלכע, וואס זענען געווען מסופק אין דער מעגלעכקייט צו באווייזן אזא קונץ. דאך האבן אפילו זיי זיך גערעכנט, אז הערשעלע וועט יא באווייזן עפעס א קונצשטיק. געוויינלעך האט ער תמיד מקיים געווען וואס ער האט געזאגט.

די נייעס איז מפורסם געווארן אין גאנצן שטעטל פון מויל צו מויל.

פרייטיק אין דער פרי האט מען שוין געקענט זעען ס׳גאנצע שטעטל ביי לייב צלאלס הויז, יידן און ווייבער; אפילו קיין קינד אין דער וויג איז נישט געבליבן אין דער היים.

ווי דער שטייגער איז פון א גרויסן מאן, וואס ווייסט, אז מען ווארט אויף אים מיט אומגעדולד, האט הערשעלע געלאזט דעם עולם אביסל ווארטן. פלוצים האט ער זיך באוויזן אויפן דאך, פארנייגט פארן עולם און אויפגעהויבן א האנט אין דער הויך, בעטנדיק, אז עס זאל זיין שטיל, ווייל ער האט עפעס צו זאגן. דער עולם איז געווארן שטיל און ערנסט.

מיטאמאל האט זיך הערשעלע צעלאכט אויפן קול.

— וואס לאכסטו, משוגענער? — האט מען גענומען פרעגן מיט כעס.

— איך לאך, — האט הערשעלע אויסגעשריגן הויך, האלטנדיק זיך ביי די זייטן און קאטשענדיק זיך פון לאכן, — איך לאך וואס א גאנצע שטאט משוגעים זענען זיך צונויפגעלאפן זעען א זאך, וואס איז אוממעגלעך . . . וויאזוי קען איך פליען? וואס בין איך דען א פויגל צי אן עראפלאן? איך האב אייך אלע בלויז געוואלט ווייזן ווי משוגע איר זענט און אז נאר איך אליין בין דער איינציקער נארמאלער מענטש . . . וואס, האט אייך אזוי שיין אפגענארט! כע־כע־כע, משוגעים, אהיים, אהיים זאלט איר גיין! בלויז נאראנים גלויבן אין זאכן, וואס זענען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן . . .



משה דאמב

# העטאן גארדען

אן אויפרישענדיקע עמפינדליכע פרילונג שטימונג, נעמט ארום ווען מע קומט סערשטע מאל צו דער ברילאנטן בערזע אין לאנדאן, סע איז דא זער ציכטיק און שטיל, דא הערט מע ניט אסך רעדן, ווי סע וואלטן זיך געפאסט וואלטערס רייד: ווערטער זענען פאר געדאנקן, ווי דאס גאלד פאר דיאמאנטן! מע ברויכט נאר אזוי פיל פון דעם. בלויז זיי איינצופאסן. אומעטום שמעקט דא פון קאראנעישאן בלומען און טייערע אויסלענדישע בשמים וואס די יינגיטשקע רייצענדע ביוראליסטינס נוצן, די פענצטער אויסשטעלונגען זענען בעשיידן ארטיסטיש, מיט א רייך פנים מ׳פילט ארויס די בעל ביתישע איידעלע האנדאויסדרוק. דא קען מע הערן אסך שפראכן, ווייל אסך ברילאנטן־סוחרים זענען פאליגיאטן און האבן געמאכט אסך נסיעות איבער די גאנצע וועלט און איבעראל אין דער וועלט קען מען די ברילאנטן־בערזע פון לאנדאן וואס הייסט, „העטאן גארדען״.

די אלטע ברילאנטן־סוחרים שטאמען פון בעלגיע און פוילן, האלאנד און דייטשלאנד, פארדאס זענען זיי מער חכמהדיק אנגעשטעלט מיט ראפינירטע מבינות אויף אלערליי איידעלשטיינער, צו סע איז ברילאנטענע שטויב און שפריצן, אדער גרויס קאראטענע שטיינער. די דאאיגע, לאנדאנער יונגע סוחרים, זען אויס ווי חול־המודניקעס וואס פלעגן אמאל אין פוילן אדער רוסלאנד, פארן זען א כלה, זיי זען אויס ווי געקעכלטע און געצאצקעטע איידעמלאך אויף קעסט ביי רייכע שווער און שוויגערס, ערגעץ אין סטאמפארד היל אדער אין גאלדערס גרין, אויף זייערע פארבלאסטע פנימער ליגט נאך דער פאר בענקטער גמרא־ניגון און אין זייערע הענט באוועגונגען דער פילפול־געדריי; זיי זענען אנגעטון מיט א זער טיפיש־כאראקטעריסטישע מערקווירדיגע עלעגאנץ, האלב בעל ביתיש, האלב יאלדיש און אביסל סוחרישמעסיק, ענגעליש סיטי־מעסיק. זיי טראגן ברייטע ראנדיקע הוטן ווייס זיידענע פיקענע העמדער מיט ברייטע טונקעלע קראוואטן, העל־גראע אנצוגן, מיט זער שטייף געפרעסטע הויזן, שווארצע גימזענע שוך. ווינטער־צייט טראגן זיי ברייט ראנדיקע שווארצע הוטן שווארצע אנצוגן מיט בייאדערא געפרעסטע הויזן און ביי דער זייט א קרא־שווארצן פאראסאל און דער רויכנדיקער נעמט ניט ארויס זיין פייקע פונם מויל, אלא ענגעלישע אללרייטניקעס פון דער רייכער סיטי־בערזע.

אז סע קומט ווער מיט א שטיינדל אדער גאלד־שטיקל, האלט שוין אט דער יונגער העטאן־גארדען סוחר גרייט א פארגרעסער גלאז און ער רופט אוועק סודותדיק דעם פארקויפער אין א ווינקל זייט, אז סע איז גוטע סחורה, פרעגט ער באלד זער קורץ: וויפל? . . . און אז סע שטייען מיטן פארקויפער צוויי שפיציגע וווילינגערישע סוחרים, האבן זיי שוין מיט זיך זייער זשארגאָן, אז א שטיינדל איז ווערט הונדערט פונט, זאגן זיי צווישן זיך אויף הונדערט פונט „א טאן״ אז א פינגערל איז ווערט פינף און צוואנציג פונט, זאגן זיי צווישן

זיך אויף פינף און צוואנציג פונט, „א פאני" אבער ניט אלע פארשטייען דאס מוזיקאנטן לשון.

ווען א פרעמדער מענש קומט דא סערשטע מאל אהער, באקוקט מע גוט זיינע רייכע אדער ארימע מלבושים, נאכהער באקוקט מע גוט זיין פנים, אויב ער טראגט זיך ניט ארום מיט שאלקהאפטיקע כוונות און צו איז דאס ניט א מענש מיט א געבראנדמארקטן נאמען . . . דא קויפט מע און מע פארקויפט, גאלד און זילבער, שאפיר און שמארגאדן, ברילאנטן און פערל, אנטיקן און מבול-צייטישע מטבעות, דא זעט מע מענשן פון פארשיידענע לענדער און וועלטן, זייערע פנימר זענען סוחריש-מעסיק ערנסט, פילאסאפיש-מעסיק „גע-מאכט" און מיט זייערע שפיזיק קלוגע אייגעלאך זען זיי אין איין סעקונדע וואס סע טוט זיך איבערן ברייטן רייכן העטאן גארדן.

מאקאראוו האט שוין לאנג געזאגט: די בערזע איז דער טעמפל פון די נייע געצענדינער, זייערע געטער זענען שטענדיק גאלד, זייערע הייליקע ביל-דער — די באנק-פאפירן, זייער גאטעס דינסט — די שפעקולאציע, זייער תשו-בה — די ליקווידאציע. אבער אויף העטאן גארדען ברילאנטן-בערזע קען מע דאס ניט זאגן, ניין, בשום אופן ניט! דא זענען נאך אסך סוחרים פון פוילן און רוסלאנד, וואס זענען אנגעזאפט מיט אסך יידישע קולטור און סענטימענט נאכן אמאליגן היימישן ברייטהארציקן פארנעם, זיי צייכענען זיך אויס מיט למדות, פשטות און תמימות, ווארעם הארץ און באשיידנקייט, זיי ווייסן גאנץ גוט, אז „לא על הלחם לבדי יחיה האדם, כי על כל יוצא פי ד'". זיי ווייסן ניט פון מומר-להכעיס.

ווען די אלע ברילאנטן סוחרים ווינען ניט ערגעץ צעווארפן איבער גאנץ לאנדאן, נאר נאנט צו העטאן גארדען, בין איך זיכער אז זיי וואלטן שוין לאנג דא געשאפן זייער אייגענע שוהל מיט אן אייגענעם רב און א חזן מיט א ברילאנטן קולעכל, בעל תפילות זענען דא גענוג צווישן זיי, אז כ'בין ארויפ-געקומען צו דעם בערזע-זאל האב איך געזען אסך יידן מיט קאפלען אויף די קעפ, כ'האב געזען א ייד מיט דיקע פאות און ער זעט אויס א בן תורה, וואס האט ליב צו לערנען מיט פשטים מיט קל וחומרס, אויך האב איך דא געטראפן א גוט באקאנטן לאנדאנער יידישן שרייבער. ווען דער זער ניט העפליכער קריסטליכער שומר אין קלוב האט צו מיר זיך באצויגן בייזוויליג, איז באלד דער יידישער שרייבער ארויסגעקומען צו מיר און מיט זיין הארציקייט און ניט געמאכטע איידעלקייט האט ער מיך פשוט מחיה געוועזן שמועסענדיק מיט מיר אפשר א האלבע שעה, אז כ'האב אים געפרעגט: איר א ייד א תלמיד חכם און א איידעלער מענש מיט עמפינדליכקייט, ווי אזוי קומט איר אויס דא מיט די פראסטע מענשן . . . זיינע קלוגע איידעלע אויגן האבן אויף מיר א קוק געטון מיט פשטות און ווארעם הארציקייט און ער האט געענטפערט מיר: דא אין העטאן גארדען זענען אלע סוחרים פיינע און איידעלע מענשן. איך האב א שטילן שמייכל געטון און געענטפערט שטיל: אפשר זענען מענשן בכלל ניט שלעכט, נאר זיי האבן שוואכע נערוועז און ספעציעל ביי אונז יידן . . .



שטיל און איילעק זענען די טריט פון די ברילאנטן סוחרים, זיי אילן זיך א היים ווייל סע איז פרייטאג אין מיטן טאג און מע אילט זיך א היים צום באגעגנען דעם שבת, סע ווערט אזוי באלד אומעטיק שטיל, מע זעט דעם רויטן טיול פון דער זון אויף די שויבן און ווענט, סע ציט ביי דער נשמה און ס'דערמאנט נאסטאלגיש אין די שטעט און שטעטליך אמאל אין פוילן און אין רוסלאנד, ווען יידן האבן זיך געגרייט צום שבת אין א פרייטאג נאכ-מיטאג. אומגערנוויליג דערמאנטס זיך מיר דער ניגון פון „לכה דודי" און סע צעזינגט זיך אין מיר: „מקדש מלך עיר מלוכה" . . . כ'טראכט ביי מיר אין הארצן: א לויב דעם מלכות ענגלאנד פאר דעם אלעם . . . מע קען דא לעבן און מע לאזט דא לעבן און יידן באצירן לאנדאן מיט ברילאנטן און גאלד, מיט פערל אין שאפירן, ווי אמאל אמאל אין אמסטערדאם אין ראטערדאם, אדער אין אנט-ווערפן.

אונזער יונגע בליענדיגע מלוכה אין ארץ ישראל האט אויך אסך צו פאר-דאנקן אט די וואכעדיגע בערזע אין די מכלומרשטע חול-מועדניקעס וואס דרייען זיך דא פארטארעט ארום. אסך געלד גייט פון דאנען ארויס פארן אויפ-בויען א נייעם ישראל אין פאר די ישובים אפילו פון פרומען מאה שערים.

## יהודה ביעטש

## שלמה עלשטיין — עליו השלום!

(פון א הספד, געהאלטן „צו די שלושים פונם נפטר")

איך פיל, אז אין דער איצטיקער, גורלדיקער צייט פאר דער יידישלעכער סקערניעוויצער און ראווער לאנדסמאנשאפט איז דער טויט פונם סעקרעטאר, שלמה עלשטיין, גאר א גרויסער פארלוסט. ווער, למשל, וועט קענען נעמען אויף זיך אט די אחריות, וועלכע ער האט אזוי ווירדיק געטראגן? אמת, ער האט תמיד געקענט רעכענען אויף דער מיטהילף פונם קאמיטעט, אבער ש. עלשטיין איז דאך געוועזן די צענטראלע פיגור, וואס האט אין משך פון צענדלי-קער יארן צוזאמענגעהאלטן די מיטגלידערשאפט, נישט שפארנדיק זיינע פער-זענלעכע כחות.

יא, ער איז געוועזן אן עבד-נאמן, אבער אויך א הארציקער חבר. וועט ער טאקע אויספעלן נישט בלויז דעם הילפס-פאריין, נאר אויך אנדערע יידישע קרייזן און אינסטיטוציעס. ווער נאר עס האט אים געקאנט וועט זיך כסדר דערמאנען אט דעם פרייהייטס-ליבנדיקן מענטשן, וואס זיין גאנץ לעבן איז געוועזן געווידמעט די אינטערעסן פון יידישע פאלקס-מענטשן.

אין די יארן צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט-מלחמה איז די דאזיקע פאלקסטימלעכע פערזענלעכקייט געשטאנען אויף דער וואך, טראגנ-דיק די ווייטאקן פון אומשולדיק-געליטענע יידן פון סקערניעוויץ און ראווא און זארגנדיק, אז יעדע מעגלעכע הילף זאל פינקטלעך אהינגעשיקט ווערן. אזוי ארום האט ש. עלשטיין אויך צו געטראגן זייןביישטייער צום קיום פון דאזיקן הילפס-פאריין, וועלכער האט הינטער זיך א שטיק געשיכטע פון מעשים טובים.

חוץ מזה האט שלמה עלשטיין גענומען אויך א וויכטיקן אנטייל אין אנדערע אינסטיטוציעס פון דעם מין. ווערט צו דערמאנען קודם כל איז, אז ער איז געווען סעקרעטאר אויך פון דער וועסט־ענד בראנטש פונם יידישן ארבעטער־קאמיטעט, וועמעס אויפגאבע איז געווען צו קומען צו הילף יידישע ארבעטער אין איראפע. צווייטנס, בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז ער געווען סעקרעטאר פונם וועסט־ענד בראנטש צו העלפן סאוויעט־רוסלאנד; דער דאזיקער בראנטש צוזאמען מיט אנדערע איז געווען אנגעשלאסן אינם טשארטשיל־פאנד פאר דעם דאזיקן צוועק. ער איז אויך געווען אַ נאָנטער מיט־טוער אין „פריינט פון יידיש לשון“.

פערזענלעך האלט איך, אז אויב שוין יא שבחים, זאל מען א מענטשן זאגן לויב־רייד ביים לעבן . . . נאר אזוי איז שוין א מנהג אין דער וועלט — „אחרי מות קדושים אמור“! לאזט מען טאקע אלץ איבער אויף דער צייט, ווען דער מענטש איז שוין אויפן עולם האמת. מילא, אפשר דארף עס אזוי זיין? אפשר איז עס אויך בעסער אזוי, ווער ווייס? איך אליין בין דערפאר, קעגן הספדים . . .

שלמה עלשטיין, וועלכער האט אין זיך אנטוויקלט אזויפיל מידות טובות, האט זיך בלי שום ספק דערווארבן א שם טוב אין יידיש לאנדאן. תמיד געווען גרייט צוצולייגן א האנט צו יעדער אקציע בנוגע נויטבאדערפטיקע און געליטענע מענטשן. זעען מיר טאקע דעם אמת פונם פסוק „נר אלהים נשמת אדם“ — א געטלעך ליכט איז די מענטשלעכע נשמה. ברענט דאס ליכט, לייכט עס מיט ליכטיקייט כל זמן דער מענטש פילט אויס זיינע יארן מיט מידות טובות און מעשים טובים.

נאך אזעלכע מחשבות פילן מיר ערשט, אז די אבידה פון אט דעם הארציקן חבר און פריינט איז נאך גרעסער. ווער זשע איז מסוגל ביי אונז צו פארנעמען זיין ארט? וועט טאקע דעם שם־טוב זיינער אויף אייביק פארבלייבן איינגעקריצט אין אונזער זכרון — דער עבד־נאמן פונם סקערניעוויצער און ראווער הילפס־פאריין — און וועט שיינען ווי א נר־תמיד!

## אליהו פאלושאק

### נאר דער טאג איז מיין לעבן

(צום נייעם יאר)

נאָר דער טאג איז מיין לעבן,
און די נאכט א גרויסער פראגעצייכן,
איז מיט דעם אטעם דעם ביסל,
לאמיר שאפן, לאמיר שטרעבן, —
וועלן מיר אפשר עפעס דערגרייכן.
דען וואס איז דען לעבן אן מעשים?
הוילער שטרוי, נישט קיין זאנגען, נישט קיין קערנער,
— אן אקס געפענטעט, אין שטריק געבונדן,
זיין מענטלעכקייט פארלוירן, און אן הערנער.



## א. נ. שטענצל

### מיין מאמעס צירינג און דער שנאל פונם רבי ר׳בער

קאן מען א קהלשן צאפ אוועקברענגען פון זיין פלאץ ווען ער שטייט פארעקשנט־איינגעשפארט אויף זיינע פיס מיט די טלאען זיך גראבנדיק אין דער ערד און מיט די הערנער שפרינגט ער דיר אין פנים אריין, קוקנדיק אויף דיר מיט זיינע מענטשלעכע, גרויסע גוטע אויגן?

און אט דערזעט ער, אז די קלאג איז פערטיק! ס׳איז באו מים עד נפש! ער שטייט ארומגערינגלט פון דער ווייסער חברה, דער מיט א שטריק, דער מיט א שטעקן, און קליינווארג ארום מיט שטיינער אין די הענט — צינדט זיך אים אן א קלוגקייט אינם בליק און — באץ! — ארויף אויפן איינגעפאלענעם שולדאך, און ער וועט שוין פארפאסטן אויבן זיינע טעג מיטן צעוואקסענעם מאך וואס געפינט זיך דארט לרוב פאר קינדס־קינדער וועגן.

איניקע טעג נאך שליאמקעס אוועקפארן, האט דער טאטע אלץ געהאלטן אין איין שפאנען ארויף און אראפ איבער דער שטוב און געהאלטן אין איין טראכטן זיינע מחשבות. דאס כסדרדיקע אריינכאפן די וואנסע אין בארד, זיך אפשטעלן א וויל און ווייטער שפאנען, האט אויסגעזעען ווי אט דערכאפט ער א דערטראכטן באשלוס; ער וואלט אים ארויסגעזאגט, נאר ער איבערלייגט זיך און שפאנט ווייטער, אלץ פאַרטיפטערער און אַלץ פינסטערער.

זיין וואכעדיק אויסזעען זאגט בפירוש, אז דא טראכט ער נישט זיינע ליכטיקע רעיונות; אז ס׳איז נישט זיין חשבון־הנפשדיק שפאנען, ווי אלע יאר אין די אלול־טעג — גרויע מחשבות גייען, בלינד־טאַפנדיק, אין זיין קאפ.

די מאמע ליגט ווידער אין בעט, מיט א ארומגעבונדענעם מיגרענע־קאפ. אירע אויגן זענען גרויס־אויפגעריסן און ברענענדיקע: אין איר קאפ בויערט זיך א גליענדיקער געדאנק, ווי א שפיציקער נאגל, אלץ טיפער און טיפער. — יא, יעדער טראט פון טאטנס טריט איז א קלאפ אויפן קאפ פון נאגל און ער דרינגט אלץ גליענדיקער און טיפער.

צי האבן זיי צווישן זיך געהאט א סכסוך פאר מיין אהיימקומען, צי האבן זיי באשמועסט עפעס צווישן זיך און נישט איינגעשטימט, בכל אופן האט מען קלאר געזעען, אז דא ארבעט עס זיך מכוח איין הארבן ענין.

די מאמע אין האלטן פעסט איר שארפן געדאנק, אים נישט ארויסצולאזן — מיט זיין שארפקייט קאן ער נאך בייז בלוט אנמאכן! — האט מיט איר שטייפן בליק, אין איין פונקט קוקנדיק, נישט באמערקט מיין אריינקומען. דער טאטע ווידער, דערבליקנדיק מיך, האט זיך ווי דערפריידט — דער עיגול, אין וועלכן ער דרייט זיך, איז אויפגעבראכן געווארן און אים ארויסגעריסן פון זיינע וואכעדיקע מחשבות. און דערזעענדיק ווי איך קוק אויפן טיש, וואס איז נאך נישט געדעקט צום מיטאג, האט ער מיט א טאטעדיקער לייכטקייט צו מיר געזאגט: „ווּעסטו היינט נישט צוריקגיין צום נאכמיטאג שיעור . . . מיר וועלן ארויסגיין אביסל שפאצירן, און ווען מיר וועלן צוריקקומען, וועט דאס מיטאג שוין זיין פערטיק . . . און מיר וועלן ארויפגיין אין שטיבל און צוזאם עפעס

לערנען . . .״

איך ווייס נישט צי די מאמע האט געהערט דאס אנצוהערעניש, „אז ווען מיר וועלן צוריקקומען, וועט דאס מיטאג שוין זיין פערטיק״. זי איז געווען צו פארטועון מיט זיך, אבער איך האב געפילט, אז איך בין רויט געווארען פון דעם ווארט „צוזאם״; ער וועט מיך נישט נעמען צו דער גמרא און מיט מיר עפעס לערנען . . . נאר „צוזאם מיט מיר לערנען״! ער האלט מיך שוין פאר זיינסגלייכן . . . דא שטימט עפעס נישט.

איך האב אים געהאט עפעס נאכצוזאגן ,שלמהס א חידוש, מיינס א קשיא, אבער איך האב מיך געפילט פארלעגן . . . גייענדיק שווייגנדיק, האב איך דערשפירט דעם טאטנס פארלעגנהייט; ער האט מיך אנגענומען ביי דער האנט, האב איך דערשפירט, נישט אויס טאטע־געוויינהייט צו פירן א קינד ביים הענטל, עס צו באשיצן — ער האלט זיך אן אין מיין האנט ווי אין אן אנלען. ער טאפט זיך אין איר טרעפ ביי טרעפ, אראפ, אראפ, אין אַ פינסטערן קעלער...

ער האט אויך אנגעהויבן זיין שמועס מיט מיר ווי מיט א גרויסן, ווי מיט זיינסגלייכן, אין א טאן פון א שואל־עצה, פון א צד־זוכנדיקן . . . ער האט געהאלטן מיין האנט אין זיינער, ווי ער וואלט געטאפט דעם דופק פון דער משפחה־טשעלאדזש: „אפשר טאקע א פלאן מיר זאלן זיך ציען קיין טשענסטאכאוו, דו זעסט דאך ווי ס׳קוקט אויס אין געוועלב . . . א קוואל שעפט זיך אויך אויס . . . אסתר איז שוין דארט, און לויט ווי די מומע גיטל שרייבט האלט עס שוין ביי עפעס . . . און צימעלע וואקסט אויך דערווייל אונטער, ער וויל אויך זאגן: „און דו ביסט אויך שוין באלד א חתן־בחור״, נאר פילט ס׳וועט ארויסקומען נישט דאָסיק . . . כאָטש צוריק געטראַכט, איז ער נישט געווען עלטער, ווען ער איז געוואָרן א חתן... אבער, ער דרייט דעם שמועס אין א גאנץ אנדערן טאָן, צו עפעס גאָר אומדערוואַרטעטס: „ווייסט לויט ווי ס׳זעט אויס וועט אפילו שלמה אויך נישט דא בלייבן. סאסנאָוועצ וויל אים האבן פאר א דריטן דיין און ראש־ישיבה״.

מיין פארלעגנהייט האט אלץ אנגעהאלטן און איך בין אויך געווען זיכער, אז דאס טראכט ער נאך אלץ, דער טאטע, און רעדט עס צו זיך. אבער די נייעס מיט שלמהן האט מיך א הויב־אויף געגעבן און מיך אנגעצונדן מיט קהלשער נייגיריקייט, און מיך א ריס־ארויס געגעבן פון דער גרויער משפחה ענגקייט.

דער טאטע איז שטיל געווארן. איך דערזע זיין ערנסט פנים, וואכעדיק־פארדאגהט. עס איז שוין אלול, מ׳בלאזט שוין שופר. אנדערע יארן ביים שפאצירן אין די טעג האט דער ערנסט א גאנץ אנדער פנים געהאט. ער האט געלויכטן; עס האט געשפריצט פון אים ווייאידיקע ווערטער, אבער זיי האבן גוט געטון, געהאלפן, געשטאַרקט.

מיינע אויגן גליטשן זיך אראפ אויף זיין גרויסער, ברייטער בארד און כ׳דערזע אין זיי ווייסע פעדעם, גאנצע גרויע פאסמעס. זענען זיי געקומען איבער נאכט אדער האב איך זיי איצט ערשט דערזען? תמיד האב איך נאר



גקוקט אין די אויגן, אבער איצט, נישט קענענדיק עס אין מיין פארלעגנהייט, האט זיך מיין בליק אויף זיין בארד אראפגערוטשט . . .

מיר גייען שטיל אויפן גרויצער וועג צווישן די געקאשעטע פעלדער, אפילו די בינטלעך זענען שוין אראפגענומען. עס ווייעט אזא ליידיקע טרויעריקייט. איך דערמאן מיך „אלול״ מאכט „אני לדודי ודודי לי״, און איך דערפיל אזא נאָנטע פריינטשאפט צום טאטן, ווי איך וואלט טאקע געווען א גרויסער, זיין נאָנטסטער, בעסטער פריינט. און איך דערפיל ממש פיזיש דעם טאטנס מבוכה, זיין געפאלנקייט. אַ שווערע טרויעריקייט נעמט מיך באַפאַלן.

אָבער א פעלד־מייזל לויפט פלוצלינג פארביי פאר אונזערע פיס איבער דער סטעזשקע און איך שריי פריילעך אויס: „טאטע, זעסט ס׳איז מזלדיק, א מייזל איז אדורכגעלאפן!״ דער טאטע שמייכלט פון דעם ווארטשפיל און געפינט ווערטער, טאקע די ווערטער, וואס ער האט מיר געוואלט זאגן: „זעסט, איך געפין נישט קיין ווערטער מיט דער מאמע אנצוהייבן מכוח דעם . . . ביי א געלעגנהייט וועסטו איר געבן אנצוגעהערן . . . טאקע משנה מקום משנה מזל!״

איך האב דערפילט מיין טאטנס אָפּאָטעמדיקע אפהענטיקייט! מיט מיר האט ער שוין מער נישט געברויכט צו ריידן... כאטש איך האב מיר נישט געקענט פארשטעלן: וואס הייסט מיר וועלן זיך אוועקציען פון טשעלאדזש? קאן מען זיך אוועקציען פון זיך אליין? איך בין דאך א טשעלאדזשער! איך בין טשעלאדזש!! און וואס וועט ווערן פונם מארק, פון דער זשיקע, פון מאנעלעס זודעפאבריק?

אז איך האב אנגעהויבן טראכטן פון איבער דער בריק, פון סראלקען דעם שוחטס, יא, פון דער שטיינערנער „מאטקע באסקע״, וואס שטייט אינמיטן מארק, פון דער קאַזע מיט די אייזערנע גראַטעס, פון שאנצנבערגלען, וואס טוט אונז אָן געברענטע צרות, איז טשעלאדזש געווען איך אליין . . . אבער ווען ס׳האט זיך פאר מיר באוויזן דעם טאטנס גרויע פנים, ווי בשעת דעם לעצטן שפאציר — דאס איז געווען דער לעצטער שפאציר בכלל אין טשעלאדזש! — האב איך אלץ מוחל געווען. איך בין גרייט געווען אויף אלץ: צוצומאכן די אויגן און פון דאך אראפצושפרינגען, נאר דעם טאטן ארויסהעלפן פון זיין שפלות, פון זיין מבוכה.

און דער מאמענט איז געקומען! צי עס איז נאך געווען אין דער זעלבער נאכט נאכן שפאציר אדער א טאג־צוויי שפעטער? א רעגנדיקע, פינסטערע אלול־נאכט, עס גיסט דרויסן מיט עמערס, עס כליאפעט. אין שטוב, פון באלקן, פון אונטער די בעלקעס רינען גרויסע טראפנס אויפן בעטגעוואנט, אויף די קישנס — זיי פאלן שנעל, מיט געאייל איינס נאכן אנדערן. אויפן טיש, אויף דער צעראטע מוז שוין פול זיין, ווייל מ׳הערט ווי ס׳פלעטשערט.

מ׳איז שנעל ארויס פון די בעטן, אונטערגעשטעלט שיסלען, די באליע ארויפגעשטעלט אויפן טיש, די בעטן אפגערוקט פון די ווענט.

די שטימונג איז דווקא געווען נישט קיין געדריקטע, מיר אלע זענען גע־

ווען באַשעפּטיקט און זיך געוויצלט בשעת־מעשה און די סיטואַציע איז געווען געראַטעוועט.

דער טאַטע האָט זיך שוין נישט צוריקגעלייגט, זיך פּערטיק אָנגעטון, זיך געוואַשן און אַרויסגעגאַנגען אין „שטיבל“ אַריין. צימעלע איז אַריין צו דער מאַמען אין בעט, און איך בין געבליבן צוקאָפּנס אויפן בענקל, מיט די נאַקעטע קני אונטער וואַרעמען העמד, ווי אַמאָל אין די פרייטאָג־צו־נאַכטסן, ווען מיר האָבן זיך אינמיטן דער נאַכט אויפגעכאַפּט, אין שטוב איז וואַרעם און ליכטיק, ביים קאַכל־אויוון שטייען זיי, די גרויסע, און שמועסן אין לערנען, און מיר קינדער, שמירן חלה־מוציאס מיט שמאַלץ.

און זיצנדיק אַזוי אויף די פּיס מיט די קני אונטערן העמד, צוגעדריקטע צום נאַקעטן בויך, אַרומגענומען פון אַ געמיטלעכער וואַרעמקייט: דער לאָמפּ אויפן טיש ברענט, דאָס געטראַפּ אין די אונטערגעשטעלטע כלים איז עפּעס ווי אַ שלעפּעריק־געמיטלעכער באַגלייט צו דעם כליאַפּענדיקן רעגן דרויסן, כאַפּ איך מיך ראַפּטום אַרויס: „מאַמע, אפשר וואָלט טאַקע געווען אַ פּלאַן, אַז מיר זאָלן זיך ציען קיין טשענסטאָכאָוו? דעם טאַטנס גאַנצע משפּחה וווינט דאָך דאָרט . . .“ און איידער איך ענדיק נאָך מיט דעם צוגעגרייטן „משנה מקום משנה מזל“, פּלאַצט אַרויס ווי אויפרייסנדיקער דינאַמיט, דאָס פייער איז שוין געווען אָנגעצונדן ביי שנור, די פּאַלנדיקע טראָפּנס אין די שיסלען האָבן נאָר געציילט די רגעס צום אויפרייס: „דאָס איז דיין טאַטנס קאָפּ!“ זי איז מטעים מיט ווילדער, שאַרפער בייזקייט דאָס וואָרט „דיין“. „זיין משפּחטע!!“ מען זעט ווי ס׳פּעלט איר אָטעם. זי וויל אָסך ווערטער אויסשרייען און אַלע מיטאַמאָל, און זי שרייט ווילד אַרויס: „פּאַשאַל וואָנט!!“

„איך וועל אייך אַלע ווייזן וואָס האָלטעק קען . . .“ דאָס האָט זי שוין געזאָגט מער צו זיך אַליין. מיר האָבן שוין פאַר איר נישט עקזיסטירט מער. צימעלעס קאָפּ איז פאַרשווונדן אונטערן בעטגעוואַנט און איך האָב מיך שנעל אַ גליטש־אַראָפּ געגעבן פון בענקל אויף די באָרוועסע פּיס און שטיל פאַרקראָכן הינטערן קאַפּלענעם אויוון.

מיין מאַמעס שטימונגענזונגען געווען פון אַזאַ גראַד, אַז ווען זי איז געווען טרויעריק, איז אַלץ אַרום געוואָרן פינסטער. אַלע זאַכן האָבן אויסגעקוקט געטריב, זיי האָבן געקוקט אויף אונדז מיט אויסגעלאָשענע בליקן — אַ מרה־שחורה האָט געהערשט אין שטוב! דער גאַנצער סדר־היום, — יאָ, דער סדר־פונם באַלטן, מאי כולו האי וואָס שאַדט עס? זאָל עס טריפן: טראַפּ־טראַפּ־טראַפּ.

און אומגעקערט, איז די מאַמע געווען אין אַ פריילעכער שטימונג, האָט עס געזונגען פון אַלע ווינקלעך. אירע גרויסע, בלויע אויגן האָבן אַלץ באַלויכטן, פון אומעטום אַרויסגעלויכטן.

ווי אַ פלאַם־פייער איז זי אַרויס פון בעט, אַ ליכטיקייט האָט אַ בלענד געטון און מיך אָנגעצונדן אינגאַנצן . . . אירע אויגן האָבן געשאָסן מיט



פונקען. די שנירלדיקע ליפּן — פעסט פאַרביסן. זי האָט געלאָזט ליגן די קליידער אויפן בענקל און צוגעגאַנגען צום קליידער־שאַנק. כ׳זע זי טוט זיך אָן ס׳שבת־דיקע שייטל, ס׳נייע סאַמעטענע קלייד, די סאַמעטענע שיך. ווי אַ קעניגין, שלאַנק און שטאָלץ, שטייט זי אין שפּיגל. אַלץ קאָן איך זען פון ווינקל־פאַרבאַרגעניש, פון שפּיגל אַרויס. איך האַלט דעם אָטעם איין, כ׳הער נישט מער דאָס טריפן, דאָס כליאַפּען: זי גייט צו מיט שטילע טריט — ווי זיי וואָלטן געטראַכט, די טריט, ווי זיי וואָלטן צווישן זיך סודותדיקס איינער דעם אַנדערן עפּעס פאַרטרויט — צום וועש־שענקל, שליסט אויף דאָס אויבערשטע שופלאָד און נעמט אַרויס דאָס זעקעלע מיט צירונג . . . ניין, זי נעמט גאָרנישט אַרויס דערפון, זי טוט זיך גאָרנישט אָן דערפון, זי לייגט עס אין בוזעם אַריין . . . דאָס גאַנצע פּעקל.

איך שטיי פאַרשטעקט הינטערן אויוון מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם: וואָס גע׳שעט דאָ? גייט זי „אַנטלויפן ווו די וועלט האָט אַן עק“? זאָל איך מאַכן אַ געוואַלד, ווי אַ גנב וואָלט זיך אַריינגעכאַפּט אין שטוב, אַז דער טאַטע זאָל דערהערן און אַראָפּקומען? מיין פאַנטאַזיע האָט געאַרבעט, אָבער אָן אַ טאַלק. כ׳בין געשטאַנען אַ צעמישטער און געציטערט פון שרעק און פון קעלט, אַדורכגענומען פון דער נעץ, אין וועלכער כ׳בין געשטאַנען.

ווען ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, האָב איך מיך שטיל אַרויסגעגנבעט פון מיין אָרט. די מאַמע איז מער נישט געווען אין שטוב. צימעלעס אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פון אונטערן בעטגעוואַנט, ווי אויגן פון אַ מאַלוואָרף פון הינטער אַ פרישׁ אויפגעוואָרפן בערגל זאַמד. איך האָב מיך שנעל אָנגעטון, אַ וואַש געגעבן, גענומען די תפילין און אַרויף אין שטיבל אַריין.

יאָ, די מאַמע האָט אויך געהאַט אירע פּלענער. הונדערט מאָל אַדורכגעטראַכט זיי, אָבער זי האָט זיי נישט געברענגט פאַר די ליפּן.

מיט וועם וועט זי זיי באַשמועסן? מיט „די בטלנים“? צי גאָר מיט אירע ברידער, וואָס דערוואַרטן שוין די שעה, ווען זי וועט אַרויס פון הויז? שונאים אַרום און אַרום! אסתר רייזל פון איין זייט און איצט נאָך פריידעלע די חכמת מיט איר קלוג מאַנדל פון דער אַנדערער זייט — דעם וואַרשעוויאַק!

יאָ, זי איז נאָך האָלטעקס טאָכטער! טשעלאַדזש איז נאָך אירס!! זיי האָבן טאַקע צוגענומען די שטיינברוכן, די קאַלכאויוונס, די ליוועראַנגען, אָבער זי זיצט נאָך אַלץ אין איר פאָטערס הויז. די שטובן אויבן שטייען נאָך אומבאַרירט — אַזוי ווי ס׳איז געווען, שטייט עס נאָך אַלץ! שוין פערצן יאָר, אָבער אַזוי וועט עס בלייבן!

זי האָט אַ פּלאַן: דעם שינדל־דאַך וועט מען אַראָפּרייסן, לייגן פרישע קראָקוועס, נייע ברעטער, באַדעקן מיט פּאַפּע . . . יאָ, אָבער דער שטאָק אויבן, האָלטעקס שלאָף־שטוב, זיין סאַלע, די אויפנאַם־שטוב אין מאַרק אַרויס, וועט בלייבן ווי געווען . . . זאָלן זיי, די ברודער, בויען, ציען אַ שטאָק איבער אַ שטאָק — זיי, די ברידערלעך! — האָלטעקס הויז וועט בלייבן ווי ס׳איז געווען. אַלע איבערלעבן . . . האָט זיין הונט נישט איבערגעלעבט מער ווי פינף יאָר

און איז אויסגעגאנגען ווי א מענטש, להבדיל — טרערן שטעלן זיך איר אין די אויגן!

זי וועט זיי ווייזן וואס א האלטעק קען! האלץ, קלעצער, ברעטער, טשוועקעס, פאפע, פעסער סמאָלע . . . די טשעסלערס וועלן פארהילכן דעם מארק און סענדער מיטן פאטער וועלן דעקן דעם דאך, שמירן אים מיט קאָכעדיקער סמאָלע, אז א פאַרע וועט אַזש גיין! . . . דער אלטער וועט גארגלען פון פלעשעלע און שרייען: „סענדער, קרבנות!"

דאס, וואס פארן טאטן איז געווען דאס ירושה־הויז פון טשעלאָדזשער זיידן, איז פאר דער מאמע געווען דאס זעקל צירונג; אירע כלה־מתנות פון דער באבע אסתרל.

דעם טאטנס מאמע, ווען זי איז צום צווייטן מאל געבליבן א יונגע אלמנה מיט אירע דריי יתומות־טעכטערלעך פון ראדישיצערס זון און אין זעקס יאר ארום א פרישע אלמנה נאכן טשענסטאכאווער דיין, מיט נאך צוויי קינדער, מיין טאטן און די מומע גיטל; אחוץ נאך דעם זיידנס קינדער פון זיין ערשטן ווייב: איז וואס איז דא צו טון, אז גאט האט אזוי געוואלט? שיקט ער דאך אבער „די רפואה פאר דער מכה".

איר עלטסטער ברודער, דער בכור פון זיידן ר' בעריש פון זיין ערשטן ווייב, שימעלע, איז אלס ייִנגל, אפגעראטעוועט פון ניקאלייעווסקער סאלדאטן, אוועקגעשיקט געווארן קיין בערלין צום זיידנס א חבר נאך פון דער מאטעסדארפער ישיבה. איז ער, שימעלע, נאך יאָרן . . . מגולגל געווארן קיין קאליפאָרניען און אנטדעקט דארט א גאלד־מינע, א דימאנטן־גרובן — א גאנצע קאַפּאַלניע! — ווו מ'גראבט דימאנטן. בכל אופן, ער האט זיך דערקענט צו זיינע שוועסטער און ברידער ווען שוין אונטערן נאמען סימאן הערץ. אזוי איז די באבע אסתרל אויסגעוואקסן פון א רביצין אין א צירונג־און־פערל הענדלערין, זיך דרייענדיק אין רייכע גיטער און אין נגידישע הייזער, און אזוי האט זי אויך דערזעען מיין מאמען, א קינד אין רייכן זיידנס הויז, און זי באַשטימט, (שטיל ביי זיך אָפּגעמאַכט.) מיט גאטס הילף, פארן זווג פון איר איינציקן זון, איר געליבטן בן־יחיד איר בערישל.

זי האט זיך גארנישט געקענט זאט אנקוקן אויף דעם שיינעם קינד. זי האט זיך דערין געשפיגלט ווי אין א טייערן שטיקל צירונג (אויף וואָס זי אין שוין געווען אַ מבין מיט דער צייט) און שטעטס ביי איר אוועקפארן דעם קינד איבערגעלאזט לעצט־געלט עפּעס פון איר זעקל ארויס. געהייסן האט עס, לויט מיין מאמעס נוסח, אז דער זיידע, איר פאטערס, הייסט עס, האט פיין באצאלט פאר די מתנות, וואס זי האט איר תמיד געשענקט, בשעת די באבע איז געקומען צו די פאר קונים אין דער היגער, טשעלעדזשער, געגנט, ווו מ'האט זי מקרב געווען ווי דעם רבס זצ"ל טאכטער, ר' בעריש הערציגער דער צדיק, וואס ליגט אין אוהל אויפן בענדינער בארג; זיין זכות זאל אונז ביישטיין . . .

יא, פארן זיידן האלטעק פון טשעלאָדזש, דעם רייכן בעל־גוף, איז עס טאקע געווען א יחוס־שידוך, אבער די באבע אסתרל האט זיך גארנישט געקענט



דערוואַרטן, ווען זי אליין האט דעם שידוך פארגעשלאגן: יא, לאנג האט זי זיך געדרייט ארום דעם שיינעם, קלוגן קינד, אסך יארן האט געדויערט די „באשויאונג"! ווייל ווען דער טאטע איז שוין געווען בר־מצווה, איז דאס באחנטע מיידעלע „מיט דער ברכה פון סאנדזער צדיק, זכותו יגן עלינו" קוים אלט געווען זיבן־אכט יאר.

דער זיידע האט געוווינט אויף דער זייט פון דער רוסישער גרענעץ, אבער אלע יאר פאר פסח האט ער אריבערגעשיקט קיין סאנדז „מעות חיטין" הונדערט רוסישע רובל. איז איינמאל געקומען א שליח פון רבין: „ברענגט א קינד, וועל איך עס בענטשן".

און ווען דער זיידע איז אריבער מיט זיין מיידעלע, האט זיך דער סאנדזער רבי אויפגעשטעלט: „ר' אלטער נחום טשעלאָדזשער, איבער אזא שיין קינד איז מען מחויב צו מאכן א ברכה, נישט נאר עס צו בענטשן"!

די באבע אסתרל האט זיך גארנישט געקענט דערוואַרטן! קודם איז דער זון באלד ראוי לחופה; שוין קרוב אכצן. דער עיקר האט זיך מורא געהאַט פאר דער שטאט טשענסטאכאָוו, א „פּאסטעמפּאָווע" שטאט מיט די גרויסע, אויפגעמאכטע געשעפטן — ס'איז נישט דאס רבישע שטעטל ראדאשיץ, צי די בעל־ביתישע גלול־שטאט בענדין. די אויפגעריסענע אלייען, דאס „שמייליקע" טשענסטאכאָווקע. און דער עיקר זייט יעקב מאיר, „דער דייטש", האט זיך באזעצט אין טשענסטאכאָוו מיט זיין גאנץ פאראדנע הויז, און ישעיה איז אויך געווארן א גאנצער חכם און משכיל, ברענגט אַהיים מאָדנע ספרימלעך און איר בערישל כאַפּט טיילמאל אויך אין זיי א בליק — עס שרעקט זי! עס איז תמיד שווער ווען ס'איז דא „מיינס און דיינס און אונזערס" . . . אין טשעלאָדזש וועט ער זיצן אויף אייביקע קעסט און לערנען . . . און וואס ברויך מען דען מער פאר א תכלית? דעם קרן זעט זי דאך „צו גאט און צו לייט"!

די געשענק־מתנהלעך „פאר קינד" און שפעטער די כלה־מתנות — ווארום די צייט ביז צום זמן־החתונה האט זיך געצויגן לענגער ווי חתנס צד האט געטראכט — זענען שוין געווען און אויך שוין באטראפן אסך מער ווי די „סחורה" אין דער באבע אסתרלס צירונג־זעקל.

ווען זי איז געשטארבן, באלד נאכן טאטנס חתונה, האט זי נאך געהאַט בלויז אירע זיבן שנירלעך פערל, אירע אייגענע כלה־מתנות, באקומען פון דער ראדאשיצער רביצין, און דעם שנאל פון רבי ר'בערס כאלאט, איר איינציקע ירושה פון איר ערשטן מאן. די שנירלעך פערל האט זי געהאַט ליגן צוקאפּנס און דעם שנאל אין דער האנט ווען זי איז אויסגעגאנגען.

וועגן די זיבן שנירלעך פערל איז נישט געווען קיין שום שאלות. אלע טעכטער, „מיינע און דיינע און אונזערע", האבן מסכים געווען, אז דאס קומט דער איינציקער שנור אירער, פריידל געגענדלען, איר געליבטן בן־יחידס ווייב . . . נאר אויף דעם שנאל פון רבי ר'בערס כאלאט זענען שוין געווען הרבה קופצים, אלע האבן אים געוואלט האבן — אפילו יעקב מאיר „דער דייטש", דער רוסיפיצירטער, דער דירעקטאר פון דער פעטערבורגער

פארזיכערונג איז געווען א בעלן: „טויזנט רובל איז ער אן אמאטאר צו געבן — מיט דעם שנאל קאן מען זיך דאך נישט צעטיילן, אבער מיט געלט“ — האָט ער געשמייכלט מיטן משפחה־שמייכעלע . . .

די מומע שרה, דאס אמתע ראדאשיצער אייניקל, וואס מ׳האט קיינמאל נישט געקענט קלוג ווערן פון איר, איז זי קלוג, א חכמת, צי עפּעס א תם א שוטה, מיט א פנים פון א הייליקער פויערטע . . . איז זיך געזעסן אויפן שבעה־בענקעלע און איר הייליק פנים האט אויסגעזעען ווי ס׳ווייסט א סוד א באהאלטענעם פון אלעמען, ווי ס׳וואלט געלאכט פון עפּעס מיט אזא מין גרויסן, ברייטן שמייכל איבער זיך, איבער דער וועלט איבערן טויט און איבערן לעבן. אלע האבן אהינגעקוקט צו איר, אלע האבן געוווּסט, אז די אמתע יורשטע איז זי; עס איז דאך דער שנאל פון איר זיידן דעם רבין ר׳בער פון ראדאשיץ.

„נו, שרה“, האט דער טאטע אין לעצטן טאג פון דער שבעה נישט געקענט עס זאגן אן א שמייכל, קוקנדיק אויף איר פנים, „נו זאג, וואס ס׳זאל ווערן מיטן שנאל. על־פּי דין איז ער דאך, מסתם, דיינער“.

„בערישל, די מאמע האט דאך אים פעסט געהאלטן אין דער האנט, מסתם, פאר דיר. כ׳ווייס עס דאך . . . לייג אים דאך אריין אין דער מאמעס סחורה־זעקל, וועט ער ווייטער זיין מזלדיק . . . שמייכל נישט איבער די זאכן, ווי דער זיידע בעריש איבערן זיידן בער . . . די מאמע פלעגט אויך שמייכלען, אבער זעסט אין דער לעצטער מינוט . . . אין א שווערער נויט . . .“ זי וואלט נאך ווייטער גערעדט, ווארום די שטילע מומע שרה, אז זי האט שוין יא אנגעהויבן צו רעדן, האט זי נישט אויפגעהערט . . . אבער דא איז דער טאטע ארויפגעפאלן אויף איר מיט א געהעש, און די לעצטע שבעה־שעה איז פארוואנדלט געווארן אין שטוב ווי די שעה פון דער באבע אסתרלס טויט, און דער טאטע האט געהאלטן דעם זילבערנעם שנאל פון רבין ר׳בערס כאלאט, ווי די מאמע זיינע מיט אירע נאך גסיסה־ציטערנדיקע הענט וואלט אים, דעם שנאל, איבערגעגעבן.

דער שנאל איז געווארן די „אפּגעשפּראכענע“ קמיע אין דער משפחה. א מקשה לילד, א חולה מסוכן, איז מען געקומען צו לויפן נאכן שנאל און אים לייגן דעם חולה צוקאפּנס. איז ווער געשטאנען צום לאס, געהאט א שווערן סאנד, האט מען דעם שנאל געהאלטן אין דער האנט.

די זיבן שנירעלעך כלה־מתנות פּערל, נאך פון דער ראדישיצער רביצין, האט די מאמע ארויסגענומען פון „צירונג־זעקל“ נאר ערב יום־כפּור צום ליכט אנצינדן און צו גיין אין שול אריין צו כל־נדרי.

און אט צו דעם זעקעלע, איינגעשלאסן אין דער אויבערשטער פאך פונם מאהאגאני וועש־שענקל פון וועלכן ס׳האט זיך ארויסגעהערט א פריש עפּל־געשמאק — די מאמע פלעגט תמיד אריינלייגן ווינטער־עפּל אין די פאכן דארט — איז די מאמע אין די לעצטע יארן, ווען מיר זענען שוין געווען געענגט אין געלט, געהיים צוגעגאנגען, ווען דער באבע צימעס אייניקלעך זענען ארויס־געקומען, אז זיי האבן איינצוצאלן נדן פאר א טאכטער, א זון צו באפרייען



פון סאלדאטן.

דאס זעקל איז געווען א נישט־אויסגעשעפּטער ברונעם, א גאלד־מינע, א דימענטן־קאפּאלניע פאר דער מאמען, ווי פארן טאטן דאס ירושה־הויז —

די לעצטע פיר־פינף יאר האט דער טאטע שוין געהאט גענומען די היפּאטעק אויפן הויז; געמאכט „היתר עיסקאס“ און געבארגט אויף פּראצענט. הערש מענדל דער מומע גיטעלס, דעם בענדינער אלטן חזנס זון איז ארויסגעקומען וואס אמאל מיט אן אנדערן פּראצענטניק, געגעבן נאך א פּופּציקער און גענומען א נייעם וועקסל מיט פּראצענט אויפן פּראצענט — אבער א ברונעם שעפּט זיך דאך אויך אמאל אויס און אין א קאפּאלניע טרעפט דאך לסוף אויך אן אומגליק.

דער זיידע אלטער נחום דער טשעלאדזשער בעל־גוף, א וואלבעראמער יונג, וואס האט חתונה געהאט מיט אן ארעמער בת תלמיד־חכם פון פּשערעוו, דעם הייליקן „איינבינדערלס“ אייניקל, די באבע חיה רבקה, האט דערפילט דעם טעם פון יחוס. ער האט געוווּסט, אז ווען נישט זיין אשת־חיל, וואלט ער איצט געשטאנען אויף דער בענדינער בריק מיט א שטריק איבער די לענדן און געווען א באכמאן צווישן אלע באכמאנעס, און זיין העכסטע הנאה וואלט געווען צו פארבייסן נאך א גלעזל פינף און נײַנציקער א געפילט מעגעלע אדער אזוי קנייפּן פון טאש ארויס שטיקער „דאלקן“ — די כוחות דערצו האט ער געהאט! אזוי האט ער געוווּסט, אז אלץ וואס ער פארדינט ברענגט ער צו זיין חיה רבקהן און אויף איר קאן ער זיך שוין גוט פארלאזן. אלץ ליגט אין גוטע הענט, און ער קאן זיינע כוחות „ראזפּושטשען“ אויף אלע וועגן; ער ברויך נאר געפינען דעם וועג צוריק אהיים. די דריי וויארסט מיט די וועגענער געשווארצטער סחורה פון די טשעלאדזשער קאמער ביז בענדין — די ברידער האבן שוין די סחורות געפירט ווייטער קיין וואלבעראם, קיין פּילץ, קיין זשארעק — און די דריי וויארסט פון בענדין קיין טשעלאדזש מיט די וועגענער סחורה פאַרן געוועלב, אויף דעם נישט־ברוקירטן, גריביק־בלאטיקן, צעקרימטן וועג, אויף צוריק — אָבער דאָס איז געווען דאס שווערסטע.

דער זיידע האט געהאט אן איינציקע שוועסטער, א יונגע אלמנה, מלכה צימעס האט זי געהייסן, און זי האט געהאט א פולע שטוב מיט טעכטער, אייניקע שוין ראוי לחופּה. האט ער זי אראפּגעבראַנגט קיין בענדין, האָט די עלטסטע טאכטער קודם יחוסדיק חתונה געהאט מיט אן אייניקל פון ר׳בעריש אשפּיצינער, א חבר פון אונזער זיידן ר׳בעריש הערציגער, בענדינער רב, און א תלמיד נאך פון אלטן בענדינער רב ר׳משה, דער שוואגער פון רבין ר׳מלך און רבין ר׳זושע. און דעם דאָזיקן איידעם מלכה צימעס, הענדל, א חבר פון זיין חיה רבקהס ברודער, דעם פארקומענעם עלוי, מאיר גרונם, אן איידעם אין קראקע, האט ער געעפנט ס׳ערשטע געוועלב אין טשעלאדזש, כדי דער טאטע זאל האבן אן איידעלען יונגנמאן, א טאַטנס אַ זון, א בן־תורה, מיט וועם א ווארט איבערצושמועסן; און טאַקע דעם הענדל פראמערם ראשית אונו — לייב הערש, א געבוירענער אין טשעלאדזש אין זעלבן יאר, ווען מיין ברודער

שלמה, ביי איין ברוסט זיך גענערט; איז זיין שוואכלעכע מאמע קראנק געווען, האבן זיי ביידע ביי מיין מאמען געזויגן ביז זי, זיין מאמע, איז יונגערהייט פון דער וועלט אוועקגעגאנגען. לייב הערשן האט מען אריבערגענומען קיין וועלבעראם, ווו ער האט זיך געכאוועט ביז ער איז אלט געווארן דריי יאר. דעמאלט האט נאך דער פעטער יצחק, קאזשיקגלאווער רב, געגעסן קעסט ביי זיין שווער, ז״ל, שוואגער פון דער מומע מלכה. דער פעטער יצחק האט שוין דעמלט געזאָגט — „ס׳וואַקסט אַ גאון״! און זיין, מענדלס חבר, מאיר גרונם, איז דווקא געבליבן עסן קעסט אין קראקע און זיך אנגעטון א סאמעטענעם קאפאלאטש, זיך געלאזן וואקסן אפאר געדרייטע פיאות, גענומען רייכערן א לאנגע ליולקע ציבוק און געטרונקען אלטן מעד . . . ער, הענדל פראמער, ר׳בעריש אשפיצינערס אייניקל, איז געבליבן אין טשעלאדזש, אפגעשוירן די לאנגע, גאליצישע פלעשעלעך־פיאות, אנגעטון א פויליש קיילעכדיק היטעלע און שוין געבליבן אין דער מלכה צימעס משפחה; גענומען די יונגסטע טאכטער, דער זיידע האט געגעבן א נייעם נדן, און דאס פרישע פאר איז אוועק קיין סאסנאוויצע, נאך א קלענער ווי טשעלאדזש דעמלט, אבער זיך דוקא שוין גענומען שניידן אויף א שטאט, ווו הענדל פראמער האט זיך געעפנט א געוועלב — משנה מקום משנה מזל.

דער פעטער מאיר גרונם פלעגט אפט קומען קיין טשעלאדזש צו זיין עלטערער שוועסטער און אויך כדי זיך צו דערמאנען זיין אמאליקע עלוישקייט און זיך אפפרישן אין לערנען אין שמועסן מיטן טאטן: ער איז געזעסן ביים גלעזל מעד, געפּיפּקעט די פייקע, געווארפן מיט סברות און אפגעשיילטע ניסלעך אי גלאז מעד אריין. דער טאטע האט נישט געהאלטן פון זיינע פלפולדיקע גענג און אפגעווארפן זיינע לייכטע סברות: „ווייס איך וואס״, האט זיך דער פעטער מאיר גרונם געמאכט בייזערן, „דו האלטסט דאך אויך נישט פון מיין ליולקע־ציבוק און פון מיין קראקעווער גלעזל מעד . . . מען ווייסט דען וואס גוט איז דא ביי „אייך״ אין דער רוסישער מדינה? ביי אונז אין קיר״ה . . .״ און זיך צעלאכט מיט א צעבאלעוועטער גרויס־וועלטישקייט.

זיין גרעסטע הנאה איז געווען א שפאציר צו געבן איבערן מארק, אין זיין צעכראסטעטן, ברייטן כאלאט און סאמעטן קאפאלאטש, מיט די געקרייזלטע לאנגע פיאות, און דער סטראזשניק זאל צו אים צולויפן מיט זיין רוסישן „קאק״? און ער זאל זיך רואיק ארויסנעמען זיין עסטרייכישן פאס און יענעם ווייזן א פייג: „טאק״.

איך געדענק נאך גוט אין בענדינער שול־געסל, פונקט אקעגנאיבער יודע לייב סופר׳ס ספרים־געוועלב, ווו אויף די שויבן־טירן האבן געהאנגען גאלדענע „בענטשערלעך״ און אין די פענסטער זענען געזעסן יודע לייבס זין און געשריבן פרשיות און מזוזות — די מומע מלכהס אפענע טירן אין בערגלדיקן געסל ארויס, מיט גאר אסך שטיינערנע שטיגלעך ארויפצוגיין. א גרויסע, פירעקעדיקע אויסגעווייסטע שטוב אין אן אלט הויז, וואס עס האט זיך געשפירט דערפון ווי פון אן אלטן מענטש. נישט ווי א שטוב האט עס אויסגעזען, נאר ווי



אן אויסגעליידיקט געוועלב אן א סופיט. די ווייסע, אויסגעקאלעכטע ווענט, ווו די קאנטיקע ציגל האבן זיך בולט־מוסקלדיק אדורכגעזעען, האבן זיך געהויבן אלץ העכער און העכער און זיך אויסגעלאזן אויבן, האלב־קיילעכדיק — האלב קרימלעך־בייכלדיק, מיט א שפיץ, ווי אַ הויכער, אַלט־אויסגעטרוקנטער בייניגסטאַרשענדיקער, שטערן אין קנייטשן. די פאדלאגע איז געווען א שטיינערנע, אן אויסגעפלאסטערטע, ווי אין אַן אָדערן־נעץ א גריבלדיקע און תמיד געבלאנקט ווי א פריש־געוואשן פנים, וואס דערווארט געסט אויף א שמחה . . .

נאנט צו דער טיר איז געזעסן, הויך־אויסגעבעט אין א גרויסן פאטערשטול, אין א ברייטער זיידענער שובע און אין א קאפקע מיט לאנגע בענדער, מיט א פוסבענקעלע אונטער אירע פיס, אין ווארעמע וואלענע זאקן, אריינגעשטעקט אין אפאר אלטע סאמעטענע, אויסגעטרעטענע פאנטאפל, וואס האבן נאך געהאט סמנים פון די פאמפאנען — די מומע מלכה צימעס. א פארגעסענע קעניגין פון אלטע צייטן, אַ פאַרזעסענע אויף אן אויסגעבעטן טראָן . . .

ווען דער זיידע האט געלעבט, און ער פלעגט קומען איינקויפן סחורה אין בענדין, ביים אהיימפארן האט ער זיך אפגעשטעלט ביי די שטיגלעך, געהייסן אראפווארפן א זאק צוקער, א זעקל זאלץ, א צוויי זעק מעל, א טארבע מאננע קאשע, אראפקאלערן א פעסל הערינג. די ארעמע קונים ארום געסל האבן האלב געקויפט, האלב גענומען אויף בארג און ס׳איז געווען א געוועלב: „גיי דאך אריבער צו מלכה צימעס אין געוועלב אַריין נעמען א הערינג״ . . .

איצט זארגט פאר דער „שטוב״ דעם זיידנס עלטסטער זון, דער פעטער יודע פייוול, און די מומע טייבעלע שטופט נאך צו איר שוועסטער גיטעלע פון אירס א „קניפל״. טייבעלע, די גראָטנסטע פון די טעכטער האָט דער זיידע אויסגעכאַפּט פאַר זיין בכור, דעם טיכטיקסטן — זיין „יורש עצר״! — און אים באזעצט אין מילעוויץ ביים קאָרדאָן״ . . .

גיטעלע, דאָס געוועזענע זאָרגן־קינד פון דער מומע מלכה, איז „די הייליקע״ פון דער שטוב. זי איז געווען א קאקעצדיקע, ממש א שטומע, קוים געקענט ארויסברענגען א ווארט פון זיך. בלויז מחמת איר הייליקער שטילקייט האט מען דעם פעלער אפילו נישט באמערקט. און דווקא זי, דאָס שוואַכע זאָרגן־קינד, איז געבליבן איר פאַרזאָרגערין, איר פליגערין ביז איר גרייז־גרויען עלטער —

אלע ווייל איז זי געקומען אריינצולויפן אין דער גרויסער, ליידיקער און העל־אויסגעווייסטער „שטוב״ א קוק טון צי איר מוטער, מלכה צימעס, ברויכט נישט עפעס; א רוק טון ס׳פוסבענקעלע, גלייך מאכן איר די הויב, די בענדער. ווען גיטעלע איז אריינגעקומען אין דער גרויסער, תמיד פסחדיק־אויסגעווייסטער שטוב און „פריש געשייערטע דילן״ האט זי זיך געמוזט די אויגן אויסרייבן, מחמת אין איר טונקעלען הייפל האבן די שטיבלעך געקלעבט ווי פינסטערע נעסטלעך ארום דער שטוב, אין וועלכער דרייער־און פינעווערלעמפלעך האבן געקאפטשעט אינמיטן העלן טאג.

אין די שטיבלעך האט געוווינט גיטעלע מיט אירע קינדער. די צוויי חתונה־געהאטע זין, אהרן הכהן און לייב הערש האט געלעבט דער ערשטער

פון א קייבערל מיט קעזלעך און דער צווייטער פון א קויבער געווענזלטע הערינג; אהרן האט די קעזלעך געקוועטשט אין איינס פון די פינסטערע שטיבלעך און לייב הערש האט געווענזלט די הערינג אין טונקעלען הייפל, וואס איז נאך טונקעלער געווען אין די טעג פון ווענזלען.

אהרן הכהן איז געווען א הויכער, א לאנגער, אן אויסגעדארטער, א תם א לערנער. אפגעפארטיקט זיך מיט דער ארבעט, מיטן פארקויף, געזעען, אז ס׳בלייבט גענוג דעם טאג אדורכצוקומען, איז ער געגאנגען אין בית־המדרש אריין מיטן ליידיקן קייבערל און זיך געזעצט ביי דער גמרא אויפן ניכטערן מאגן, ביינאכט אהיימגעקומען און איבערגעגעסן. לייב הערש, להיפוך, איז געווען אן איינרייסער, אבער אייביק אן א פרוטה. ווי נאר ער האט צייט געהאט, איז ער געזעסן מיט הערש מענדלען, דעם אלטן חזנס זון, ביים קאפ־טשענדיקן לעמפל און געכאפט א קערטל, אזוי לאנג ביז דער הערש מענדל האט חתונה געהאט מיט גיטעלעס יונגסטער, שיינער טאכטער.

דער פיפיקער הערש מענדל האט זיך טאקע שטיל פארליבט אין גיטעלעס שיינער טאכטער, אבער ער האט זיך אויך נישט טועה געווען אין חשבון. דעם חזנס שטאלטנער בחור, א פייער און א ברען, מיטן טאטנס גארגל, איז געפעלן דעם פעטער יודע פייוול. האט ער אים געגעבן דעם נאפט־רעזערוואר, וואס איז געשטאנען א פארראסטעטער אין מילעוויץ אויפן הויף, אנגעפילט מיט דריי־פיר פעסער נאפט, געלאזן איינשפאנען א פערד דערין און אים ארויסגעשיקט מיט שמעיה שמייסער איבער די דערפער און שטעטלעך אין זאגלעמביע.

אין דעם טאג, ווען ער איז אנגעקומען מיטן רעזערוואר אין מיטן מארק אין טשעלאדזש, האט עס זיך שוין געהערט אין מארק אין אלע געוועלבלעך און ארום אין די געסלעך. — זיין גארגל האט געהילכט מיט קוראזש און דער שוימיקער נאפט האט געגעבן זיינע ריחות.

און אט דער הערש מענדל, וואס האט דעם פעטער יודע פייוולס זון, דעם אביסל לייכטזיניקן לייב הערשן אזוי פארדרייט דעם קאפ מיט וועקסלעך, אז נישט דער פעטער יודע פייוול, וואס האט זיי ווי א טאטע אויסגעצאלט, ווער ווייסט וואהין זיין געביין וואלט אַהינגעקומען . . . מיט אט דעם פיפיקן הערש מענדלען האט דער טאטע זיך אריינגעלאזן מיט היפאטעקן, מיט היתר עיסקאס . . .

ווען די מאמע האט אמאל געזעען ווי הערש מענדל גארגלט אריין דעם טאטן א סוד אין אויער, האט זי מיר אנגעוויזן: „זעסט, דא דרייט זיך די משפחתא. עפעס האבן זיי אונטערגעשיקט הערש מענדלען . . . דאָס איז איר קאָפּ, אסתר רייזלס . . . וועסט זעען, הלואי כ׳זאל אזוי ליגן זאגן ווי כ׳זע וואס ס׳גייט קומען" . . .

די צוויי ברידער מיט די קויבערס זענען אויך ארויסגעקומען איינמאל אין דער וואך. ווען זיי זענען פערטיק געווארן מיטן פארקויף, זענען זיי צו אונז אריינגעקומען, און די מאמע האט געלייגט א טישטוך אויפן טיש, געמאכט



פאר זיי צו עסן. ביים אהיימגיין זענען די קויבערס געווען שווער מיט דעם, וואס זי מאמע האט זיי אנגעפילט מיטאהיימצונעמען.

אהרן הכהן האט געגעסן פאמעלעך, געשניטן מיט א פען־מעסערל „קאָזעלעך", און נאך פאמעלעכער געבענטשט. זיין ברודער לייב הערש האט שנעל אפגעגעסן און נאך שנעלער געבענטשט. געהאט תמיד עפעס זיך צו סודען מיט דער מאמען: דא ברויך ער נייטיק, ווי ס׳לעבן, געלט אויף דעם, דא אויף דעם, אפאר רובל, א דרייער קערבל קאן אים שטעלן אויף די פיס . . . און די מאמע פלעגט אים שטעטס עפעס שטופן אין דער האנט אריין . . . קוקט רחמנותדיק אויף אהרן הכהן און שטופט אים אויך עפעס אריין, כדי אים נישט צו „באַעוולהן" . . . לעצטנס האט זי שוין געמוזט צוגיין צו דער וועש־שאנק, עפענען דאס שופלאד אויבן, קיינער זאל נישט זעען, און זיך דארטן פארען . . . ווען זי האט שנעל צוגעשלאסן דאס שופלאד האט זי אויסגעזעען ווי נאכן באגיין א שווערע גנבה.

* * *

ווען איך בין שנעל ארויסגעלאפן מיט מיין נייעם סאמעטענעם און זיידענעם אויסגעהאפטענעם תפילין־זעקעלע אין יענעם גרוי־רעגנדיקן באגינען, נאך דעם ווי די מאמע, אן אנגעטוענע ווי צום אוועקפארן, איז גיך ארויס מיט איר צירונג־זעקעלע אונטער איר זיידענעם, שווארצן שאל, באהאלטן ווי א גנבה, איז מיין ערשטע מחשבה געווען: „איך וועל איר נאכשפיאנירן, און אויב זי וועט מיך כאפן, וועל איך זאגן, זעסט דאך, אז כ׳גיי אראפ אין בית־המדרש אריין דאווענען. אפשר ברויך שלמה מיך, ער איז דאך אליין . . ."

אבער פארשעמט שוין פון בלויזן געדאנק אליין, וואס איך האב געקענט טראכטן אזוינס, זענען מיינע פיס ווי ביי א גנב, וואס מ׳כאפט אים ביי א גנבה, שנעל ארויפגעלאפן אין אונזער שטיבל.

קלאמערנדיק ס׳תפילין־זעקל אונטערן ארעם, א דערשראקענער פון דעם וואס כ׳האב געזעען, הער איך אינמיטן לויפן קלאפן אין די שויבן און זע ווי צימעלע שטייט א טויט־דערשראקענע אין פענסטער, דאס לאנגע נאכט־העמד איבער די פיס, און שרייט: „אברהם נחום!"

איך לויף צוריק אריין. זי איז געקומען צו זיך, לאַנג נאָך דעם, ווען זי האט געזעען ווי די מאמע האט דאס צירונג־זעקל געלייגט צו זיך אין בוזעם אריין און איז גיך ארויס אויף אירע שטילע, סאמעטענע שבת־שיך. ווען איך בין אריינגעקומען, האט צימעלע אויף מיר געקוקט ווי א טויטע פון דעם ווייסן, לאנגן העמד ארויס: „האסט געזעען?" מער האט זי פון איר מויל נישט געקענט ארויסברענגען.

יא, האב איך מיט געמאכטער האפערדיקייט צו איר געזאגט, „קאנסט זיך פארלאזן אויף דער האלטקאווע" און שנעל מיך אפגעטראגן, נישט געכאַפּט צו ווערן ביי דער געמאַכטקייט, קלאמערנדיק מיך צום תפילין־זעקל אין מיין ארעם . . .

צימעלעס פראסטע גוטסקייט איז געווען ממש א פיזיאלאגישע, ווי איר

דארפישע שיינקייט, און אזוי איז אויך געווען איר איינפאכע תמימותדיק
קלוגקייט. איר נאטירלעך גערעכטיקייט־געפיל איז געווען פון א דארפישן
מענטש . . . דערשפירנדיק דאס, וואס ס׳גייט פאר אין די לעצטע פאר יאר אין
אונזער הויז, האט זי זיך איינגעשפאנט „חמור למשא״; דער גאנצער עול, דאס
געוועלב, די שטוב בעל־הביתישקייט, אלץ איז געלעגן אויף איר און אלץ אזוי
לייכט, אזוי גוט, ווייל זי האט עס געטון באהבה — צום טאטן מיט גרויס
יראת הכבוד, און די ליבשאפט צו דער מאמען איז געווען אן א גרענעץ:
אלץ, וואס די מאמע טוט, אפילו טיילמאל אזעלכע ווילדע „אויפטועכצער״, וואס
זענען איבער איר „קינדישן שכל״, איז מסתם ריכטיק און ס׳מוז אזוי זיין —
„ס׳וועט שוין זיין גוט״. אבער יענעם פרימארגן, ארויסקוקנדיק פון אונטערן
איבערבעט מיט אירע פארשמורט־דערשראקענע, שווארצע אויגן, ווי א מויל־
ווארף פון אונטער א זאמד־בערגל, איז עפעס געשעען אין איר. איר הארץ איז
פארשטומט געווארן, פארגליווערט געווארן. ווארום וואלט נישט געווען אזוי
דער פאל, וואלט זי זיך דאך געווען ווילד צעשריגן פון א קריוודע, וואס
איז געטון געווארן . . . זי קוקט צו שטיל מיט די אויגן און שוויגט? . . .

צימעלע, מיט אירע פארצן־פופצן יאר, וואס איז געווען אזוי דארפיש נאיוו,
וואס האט אפילו אין סידור קיין צורת אות נישט געקענט — מיין תפילין־
זעקעלע האט זי מיר געמאכט, האט מען איר מיין נאמען דערויף געמוזט
פארלייענען! — איז יענעם פרימארגן געווארן א דערוואקסענע. מיט איר
פשוטער קלוגקייט האט זי באנומען מיין געמאכטע האפערדיקייט; נאר דער־
זעען מיינע צעריסענע מחשבות אויף מיין באזארגט פנים, האט זי מיט רעזי־
גנאציע און מיט עפעס א מין ביטערע גרינגשעצונג צו זיך איבערגעזאגט דאס
ווארט „האלטקאווע״.

ארויפקומענדיק אין שטיבל אריין מיט מיין תפילין־זעקל פעסט אונטערן
ארעם, מיט מיין גאנצן יידישן עול, ווי א דערוואקסענער שוין, שווערע סודות
אליין אויסצוטראגן און פארענטפערן קענען; אריבערטרעטנדיק די שוועל מיטן
„מה טובו אוהליך יעקב״, בין איך אריין אין א גאנץ אנדערער אטמאספערע,
א לייכטע, א הימלישע. אלץ פאלט מיטאמאל אראפ פון די יונגע פלייצעס און
דארטן אויף דער דריקנדיקער שווערקייט וואקסן אויס פליגעלעך — —

אין דער טונקלקייט פון גרויען, זיך אויסלייטערנדיקן סוף־זומער באגינען,
וואס מאכט זי נאך סודותדיקער, ווייל זיי פאלן אריין דורך די אויסגעבויערטע
לעכער פונם לאדן, זיצן ביים טיש, איינער פון דער זייט, דער אנדערער פון
דער צווייטער, דוד דער מתמיד, מיט זיין קורצער ראיה און דעם „פעטער
חיימלס מלמד״, וואס נאכן געזונט ווערן ביי אברהם יידעלען אין שטוב, איז
ער געווארן א דרדקא־מלמד אין וואלבעראמער שטיבל. אבער איידער ער
הייבט אן אין חדר מיט די קינדער, און דוד איידער ער גייט צום „מארגן־
שיעור״ אין בית־המדרש אריין, לערנען זיי צוזאם אין שטיבל.

מיט זייער כסדרדיקן געשאקל, דער ארויף אין דער זייט און דער אראפ
אין דער זייט, און מיט זייער שווער־ארבעטנדיקן, צעיאכמערטן לערנען, האט
עס אויסגעזעען אין דער לעכער־דורכזייענדיקער גרויער ליכטיקייט, ווי צוויי



פויערים אין טונקעלען וואלד זעגן א קלאץ, זעגן און זעגן און הערן נישט
אויף מיט זייער צעיאכמערטן דעכען . . .

אין א פינסטער ווינקל איז געזעסן שלמה שוחט און געוויינט איבער א
זוהר: „תא חזי . . . האי בר נש״. ביי דער וואנט, אויף דער באנק זיצן צוויי
יידן און זאגן מעמדות. איין ייד שטייט ביים עמוד און זאגט תהלים זער איילק.
ער וויל ענדיקן דעם יום אוןווארט ס׳זאל זיך צוזאמקלייבן ס׳ערשטע „מנין״.
ער האט עס זער איילק, ער וויל נאך כאפן די ערשטע ריסארקע קיין בענדין.

איך דערזע דעם טאטן. ער זיצט ביי א ספר, די האנט קעמט זיך פארטיפט
אין דער ברייטער בארד און זיין פנים איז אינגאנצן צעשטראלט. איך זע
ווי זיינע אויגן כאפן עפעס מיט גרויס הנאה . . . און מיינע בלייב א ווײלע
קוקן אויף אים ווי אויף עפעס א גרויס וואונדער. ער דערשפירט משמעות
מיין בליק און רופט מיך צו: „זעסט, דאס איז דער ‚תמים׳, דעם פלפול האט
דער זיידע, נאכן צוריקקומען שוין פון מאטערסדארף אויך נאך ליב געהאט . . .
דא עגבערט עס נישט אין מוח, דא גראבט גראדער שכל אין דער טיף . . .
ס׳איז נאך צופרי פאר דיר . . . דו מוזט נאך דרייען מיטן גראבן פינגער;
דו מוזט נאך קודם דערטאפן דאס געפיל, די לייכטע הנאה . . . זעסט, אז
מ׳זעצט זיך צו צו אזא ספר, פארגעסט מען אלע דאגות, די גאנצע וועלט
ארום . . . דא פרעגט די וועלט נישט מער קיין קשיא . . . דא איז אויף אלעם
דא א תירוץ״ . . .

ער קוקט אויף מיר און זעט, אז עפעס האט „הינטן״ געמוזט געשעען. ער
שמייכלט און טראכט: „ביי אירע איינפאלן קאן, אפנים, א רבי ר׳ יהונתן אויך
נישט זיין קיין חכם . . .״ כ׳זע ווי ער האט הנאה נישט נאר פונם טיפן תמים־
איינפאל . . . כ׳זע עס פון זיין רואיק קעמען זיך דער בארד:

„כ׳האב דיר עפעס געוואלט זאגן, עפעס גאר וויכטיקס; אבער איידער,
כ׳זאל נישט פארגעסן, מוז איך דיר זאגן עפעס נאך וויכטיקערס: זעסט,
נישט בחינם ארבעטן מיר אזויפיל ארום מיטן סדר ‚נזיקין׳ — מיט יינגלעך
הייבט מען שוין אן מיט „מניח את הכבד״, „אילו מציאות״ און אזוי ביז צום
„שב שמעתתא״ און „תמים״; דאס גאנצע לעבן דרייט זיך ארום דעם ביסל
דיני ממנות . . . וויפל פשטלעך, וויפל פלפולים עס איז דא אויף „רבית״,
און אז מען דערפילט מיטן אייגענעם לייב דעם פשוטן פשט פון א פסוק, פאר־
שטייט מען ערשט „ומרבית לא תתן אכלך״, מיטן פראצענט גיסטו אוועק דיין
עסן — נישט בחינם איז דער לאו פון רבית, נישט נאר פאר דעם וואס
נעמט דעם מלווה, דער בארגער, נאר אויך אויף דעם וואס צאלט פרא־
צענט — מ׳איז א מאביד עצמו לדעת . . . „דער טאטע וואלט נאך משמעות
ווייטער גערעדט, נאר איינער פון די מעמדות־זאגער איז צוגעקומען און
געפרעגט צי מיר ווילן זיין פון די שבעה מתפללים. דער טאטע האט געענט־
פערט, אז ער וועט מסתם דאווענען מיטן צווייטן מנין. ער האט אויסגעטון די
גארטל, געלאזן אן ערוב אויפן „תמים״ און געגאנגען זיך מכינען. ווען ר׳איז
צוריקגעקומען, האט מען געגרייט דעם צווייטן מנין.

נאכן דאוונען איז דער טאטע געבליבן זיצן אין רבנו תם'ס תפילין. אין שטיבל איז שוין קיינער נישט געווען. ר'שלמה שוחט איז געשטאנען מיט זיינע בכיות און געקלאפט קאפ אין וואנט. דער טאטע האט אנגעהויבן אראפלייגן די תפילין און גערעדט: „זעסט, אנגעהויבן האט עס זיך מיט היפאטעקן, מיט היתר עיסקאס און אצינד האלט עס, אז נאך פאר די ימים־טובים מוזן מיר ארויס פונם הויז. כ'בין שוין פארוועקסלט פאר פראצענט פון פראצענט”.

דערזעענדיק מיין דערשראקן, פארוואונדערט פנים, האט זיין ריידן גענומען קלינגען התנצלותדיק: „כ'וואלט גערעדט מיט חיימלען, נאר כ'הייב שוין אן צו האבן א פארדאכט, אז די מאמע איז גערעכט: אויף א ליציטאציע וועט דאס הויז לייכטער אים אריינפאלן... כ'וויל אים נישט אנטון קיין צער, אז ער זאל מיר דאך דארפן קוקן אין די אויגן אריין . . .”

דער טאטע דערקענט, אז אין מיר גייט פאר עפעס שרעקלעכעס, רעדט ער ווייטער אין ערשטן טאן, ווי דא וואלט זיך געהאנדלט אין א באגאטעלע; אין זאכן, וואס לוינט אפילו נישט פון זיי צו רעדן: „די וועלט עקט זיך נאך נישט מיט טשעלאדזש . . . מ'וועט איינפאקן ס'ביסל ספרים און זיך ציען קיין טשענסטאכאוו . . . מ'וועט שוין עפעס געפינען דארט. די מאמע האט דאך נאך ס'ביסל צירונג . . . דא ווערט מיר סאי־ווי ענגער. שלמה ווערט מסתם באלד אויפגענומען אין סאסנאוויצע. דא וועט אהערקומען לייב הערש און נעמען „פירן” אויפן גרויסן שטייגער . . . אויף קאצקער־טשאכעטשווער התנהגות . . .”

דער טאטע צעלאכט זיך: „כ'רעד שוין באלד ווי די מאמע, ווען זי רעדט פון אסתר רייזלען, וואס זי קאן זיך גארנישט דערווארטן צו פירן איר גבירישן „פאן־סריבנעשין”־שטאאט דא אין איר הויז . . .” דערזעענדיק ווי איך בין רויט געווארן, ווי מיינע ליפן ציטערן: ס'איז דאך דאס ביסל, וואס דער טאטע לייגט דערויף זיינע גאנצע האפענונגען, און די מאמע איז דערמיט אוועק . . . ווער ווייסט וואהין . . . כ'וויל שרייען, מאכן א געוואלד — מיינע ליפן באוועגן זיך אן קול מיטן ווארט: „טא־טע, טא־טע — —”

דעם טאטנס לייכטער טאן פארציט זיך אין א דערשראקענעם: „איי, איי אברהם נחום, ווייסטו גארנישט, אז ס'איז דא א טאטע אין הימל, וואס זארגט פאר „מקרני ראם עד בצי כנים” . . . האסט דאך ערשט געזאגט ביים יהי רצון, וויטעק”, האט ער צוריקבאקומען זיין הומאר: „דרייסט אינמיטן שמונה עשרה אויף דיינע „לפי זה'ס” ווי א בעל־עגלה מיט דער בייטש ? . . .”

דער טאטע איז געווען אין גוטער שטימונג. ער איז געגאנגען פארויס, און איך בין אים נאכגעגאנגען א שטילער, פעסט מיך אנהאלטנדיק אינם תפילין־זעקל, דריקנדיק עס אפהענטיק אין מיין ארעם.

ווען מיר זיינען אראפגעקומען, איז די מאמע, א צעשטראלטע, אן אנגעטוענע אין אירע שבת־יום־טוב מלבושים, די זיבן־שנירלעך פערל לייכטן מאט אראפ, פון שווארץ־צעגלאנצטע זיידע בלוזקע, געשטאנען אויף דער שוועל פון געוועלב, ווי א גענעראל אינמיטן זיין קאמאנדע און אויסגע־



טיילט באפעלן. פאר דער טיר זיינען געשטאנען וועגענער מיט קלעצער, מיט ברעטער; פון איין וואגן האט מען אראפגעווארפן פעקלעך פאפע, פון א צווייטן געקוילערט פעסער סמאלע. די מאמע האט געברענט, געווען אין איר עלעמענט. אין קיך איז צימעלע געשטאנען און געוויינט, דעם „לפי־זה” האט זי מיט שווערן פויערישן קאפ אויך געקאנט אויספירן: די מאמע האט ווו פארמשכנט, אדער גאר פארתכליוועט דאס זעקל מיט צירינג . . .

„וואס שטייט עץ ווי די גולמ'ס ?! מ'מוז דאך אויסרוימען דאס געוועלב, מ'וועט דאך באלד אראפרייסן דעם דאך . . . די טשעסלערס קומען דאך באלד צוגיין . . . אברהם נחום!” האט זי זיך מיט א בייזער צעשריגן, מיך דערזעענדיק, ווי אויף איינעם וואס איז מיט באטייליקט אין א געשעפט און בשעתן אין גאנצן „רוך” שטייט ער זיך גאר שטיל אין דער זייט: „קום נאר אהער נעם דאך צו דעם שנאל, די פינגער זיינען מיר שוין דאך פארקראמפט...”

דער טאטע האט אויך געהאט זיינע הארבע אויספירן: „דא לייגט זי ס'לעבעדיקע אויפן טויטן . . . דאס קוים נאך שטייענדיקע, די איינגעפאלענע חורבה, שטייט דאך שוין אויף דער ליצעטאציע קומענדיקע וואך”. אבער ווי אזוי איז עס עפעס: זיין הלצה־שמייכעלע האט זיך ווידער געיאוועט אין בארד און קוקט אזוי קלוג־זילבעריק ארויס פון די גרויע האר וואס האבן זיך גענומען אין די לעצט וואכן באווייזן: ווי זי ברענט, ווי דער האלטעק קאכט דאס אין איר, אירע אויסצופירן און נישט לאזן נאכגעבן יענע דארט . . . און יענע דארט, ווי זי קוקט דאס אהער מיט איר קורצזיכטיקן בליק, דורך אירע בינאקלס און בייסט אירע פוכלע ליפלעך, און דער געקעכלטער נגידיש־חסידישער „סריבנע”־קנייטש איבער איר געטאקט בחנט נעזל קנייטשט זיך מיט טויזנט דינע צעגלעטע פעלטלעך, איבער איר מיט אמאל אלט־געווארענעם שטערן. דאס פארזשמוטע אויג צווישן אירע לאנגע וויעס ווי א שפין אין אן אויפגעריסענעם פאדעם נעץ: די האלטקאווע האט זיך אויפגעכאפט אין איר, ווי יינג זי איז דאס געווארן, ווי זי שטראלט... ס'וועט איר אבער דאך נישט געלונגען.

און איך? איך האב דעמלט אין אלע „לפי־זה'ס”, פארגעסן אלע איינפאלן זיינען מיר ארויס פון קאפ, איך בין געשטאנען א צעתמטער, מיט אפן מויל — ווי ס'וואלט ווער א מעשה דערציילט, פון יענע וואס אברהם האט מיר אמאל דעציילט, ניין, פון די וואס דער טאטע האט מיר דערציילט, פון תם מיטן חכם, ניין, נאך אפיל שענערע! — מיטן תפילין זוקעלע פעסט־קלאמערנדיק אונטערן ארעם. דעם רבין ר' בער'ס זילבערנע שנאל געקראמפט אין מיין פויסט ביז בלוטיק צעשניטן צעווערן, געקוקט אויף מיין יינג געווארנע צעשטראלט מאמע און געווען אזוי גליקלעך, אזוי גליקלעך.

מיר ווינטשן א הארציקן מזל טוב די פריינט **לייזער** און **באשע דאמאנקעוויטש** פון פאריז, צו דער חתונה פון זייער טאכטער, **חוה**, מיט חתן, **קלאד**. זאלן די עלטערן זעען א סך נחת אין זיי.

סיידי שעני, מרס פרידא גאלדמאן און משפחה

## דילאן טאמאס

### ,פון זיפצן ארויס . . .'

פון זיפצן קומט בלויז ווייניק ארויס,
אבער נישט פון צער, ווייל אים האָב'ך צעהאַקט
נאָך פאַר דער גסיסה ; וואַקסט נשמה,
פאַרגעסט, און וויינט ;
עפּעס קומט ארויס, מ'איז עס טועם און געפינט עס גוט ;
נישט אַלץ טרייבט צו יאוש ;
מוז דאָך זיין, ברוך הוא, עפּעס זיכערס,
אויב נישט אין ליבן גוט, איז נישט,
און ס'איז אמת נאָך כסדרדיקן פאַרלוסט.

נאָך א קעמפן ווי דער שוואַכסטער קען,
גיבט נאָך מער ווי שטאַרבן ;
קנעפּל אויף די גרויסע פּיין אדער פאַרשטאָפּ די וואונד,
ס'וועט אים ווײ טון צולאַנג
דורך קיין חרטה פון לאָזן פרוי וואַרטן
אויף איר סאָלדאַט באַפלעקטן מיט פאַרגאָסענע רייד
וואָס פאַרגיסן אַזאַ בייסיק בלוט.

בעת חרטה כ'פיל ווען ס'איז ארויסגעוואָרפן
ווען דאָס גענוגט, גענוגט צו לינדערן פּיין,
וואָס גליק מיר גיט אין דער זון,
ווי גליקלעך מיך געפילט כל־זמן ס'האָט געווירקט,
וואָלט אומזיכערקייט גענוגט און זיסע שקרים געווען בשפע,
הוילע רייד פאַרטראָגן וואָלטן די יסורים
און מיך געהיילט פון אומגליק.

וואָלט דאָס גענוגט, ביין, בלוט, און נערוו,
פאַרדרייטער קאָפּ, שיין־פאַרמירטע לענד,
טאַפּנדיק אונטער כלבס טעלער, זוכנדיק עפּעס,
מענטש געדאַרפט געהיילט ווערן האָט פון יעדער מחלה
מחמת וואָס געגעבן ווערן קען גיב איך :
קרישקעס, שטאַל, און שטריק.

פון ענגליש איבערגעזעצט, א.א.

---

## יידיש ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס

אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראָן סעטלמענט א.1. — 3 אַזייגער

שבת, דעם 6'סטן יאַנואַר — דיסקוסיע : יידישע קולטור־טעטיקייט אין לאָנדאָן.

שבת, דעם 13'טן — בן־צבי בערשטיין : פּרצעס העברעאישע שירים.

שבת, דעם 20'סטן — חמשה־עשר־און שבת־שירה פייערונג. רעדנער יעקב ריכטיגער. רעציטאַציעס : נעט רובין, אייזיק גאָלדבערג.

שבת, דעם 27'סטן — די מאָריס ראָזענפעלדס אַרבעטער־לידער. רעציטירן : זעליג אפּעלבוים און זשעני האָט, י. ביעטש. זינגען מאיר באָגדאַנסקי.

---

## א. מ. ארזשיצער

### מכוח דעם יידישן וואָרט אין ישראל

גיט א קוק אין די שוי־פענסטער פון ביכער : ענגליש פראַנצויזיש און דייטש. ביכער גוטע און ביכער פון צווייט־ראַנגייקע און דריטראַנגיקע שרייבערס ; די איבערזעצונגען אויף עברית, זיינען אויך נישט אַלע פון ערשטקלאַסיקע ביכער ; מען טרעפט אפילו איבערזעצונגען פון ענגלישע שונד־ביכלעך.

ניין, יידיש זעט מען בכלל נישט אין די פענסטער פון תל־אביב, ירושלים, חיפה און אין אנדערע שטעט ; עפּעס ווי אַ יידישע ליטעראַטור פון קלאַסיקער און יידישע שרייבער וואָס שאַפן אין חוץ לארץ, וואָלטן בכלל נישט עקזיסטירט ; פון די יידישע שרייבער וואס לעבן אין ישראל און וואָס גיבן ארויס גוטע ווערק אין פּראָזע, און פּאָעזיע, קיין סימן נישטאָ אין די שיינע פּראַכטפולע שוי־פענסטער פון די ביכער־געשעפטן. מען זעט בלויז איבערזעצונגען פון מענדעלען, י. ל. פרץ און שלום עליכם — דאָס אַלץ.

ווייסט טאַקע נישט די יוגנט פון אזא זאַך ווי יידישע ליטעראַטור. איז זיי בכלל פרעמד דאָס יידישע לעבן אין חוץ לארץ ; זיי ווייסן אפילו נישט אז די מערהייט געלטער פאַר קולטור־צוועקן אין ארץ־ישראל, קומט פון יידן אויסער ישראל.

די פאַרלאַגן פון מפא"י און אַנדערע פּאַרטייען גיבן אַרויס פיל איבערזעצונגען. קיבוצניקעס טוען די אַרבעט פון איבערזעצעריי און דרוק־אַרבעט ; דעריבער קען מע אַרויסגעבן אַזויפיל ביכער. די פּריוואַטע פאַרלאַגן אין ישראל נעמען נישט קיין געלט ביי מחברים. אויב ער איז אומבאַקאַנט, מוז ער דעקן אַ טייל פון די קאָסטן. די יידישע שרייבער, אויב זיי ווילן ארויסגעבן א בוך אין ישראל, מוזן באַצאָלן דעם י. ל. פרץ פאַרלאַג אָדער אַנדערע, פּריוואַטע פאַרלאַגן. דאָ קאָסט שוין באַלד ווי אין אַמעריקער ; דאָרטן נעמען אויך די „געזעלשאַפטלעכע" און פּריוואַטע פאַרלאַגן באַצאָלט פאַר ארויסגעבן אַ יידיש בוך.

יידיש ווערט אָבער פיל גערעדט אין א"ץ ישראל. אַפילו די תושבים וועלכע רוידן שוין אַ רייכערן און מער פּליסיקן עברית, מוזן אָנקומען צו יידיש, ווען זיי ווילן דערציילן א וויץ, א מעשה און ווען זיי צעוואַרעמען זיך, ביים קאָרטן־שפּיל. און יידישן טעאַטער זעט מען פיל עלטערע. מיטליעריקע און אָפּט יונגע מענטשן ; העברעאיש טעאַטער קען זיי נישט באַפרידיקן. דער געמיט פון יידיש פילן און דענקען איז טיף אין די יידן פון מזרח־אייראָפּע. אין די פרומע קרייזן ווי אין בני־ברק אדער און ירושלים, רעד מען בלויז יידיש. אפילו פון פינפטן און זעקסטן דור, רעד מען יידיש. און די ישיבות ווערט אַלץ אויסגעטייטשט אויף יידיש. דעריבער פילט מען אין די ישיבות מער היימיש ווי אומעטום . . .

די סאַבראָס פון מזרח־אייראָפּעאישע עלטערן קענען כמעט אַלע יידיש. זיי ווילן נישטריידן, שעמען זיך ; זיי האַלטן אז די שפּראַך פון גלות, צוזאַמען מיט זייערע טאַטעס און מאַמעס, איז נישט מאָדערנע. אפילו ניי־געקומענע מיט בלויז עטלעכע הונדערט עברית ווערטער אין מויל, מיינען אז יידיש איז נישט מאָדערנע ; זיי ווילן ווייזן זייערע קינדער אז זיי זיינען נישט אָפּגעשטאַנען.

די יידישע צייטונג „לעצטע נייעס" געהערט היינט צו מפא"י. די ריגירונגס־פּאַרטיי האָט אפּגעקויפט די צייטונג פון בונדישן רעדאַקטאָר. דער רעדאַקטאָר וואָס שיינט שוין צו זיין ציניש צו אַלץ און אַלעמען; א ביסעלע יידיש, אָבער, פאַרטיידיקט ער נאָך.

די מפ"ם פּאַרטיי גיט אַרויס א וואָכנצייטונג „ישראל שטימע" אין יידיש. זיי ווייסן אז פיל פון זייערע נייגעקומענע חברים קענען נישט גענוג עברית. זיי, ווי די מפא"י, ווילן אויפהאַלטן יידיש בלויז אויף דערווייל", כדי צו באַדינען די מאַסן. אזוי אויך „די וואָכנצייטונג" פון אחדות־עבודה אין די אַנדערע וואָכנצייטונגען, וועלכע האָבן צו עטלעכע הונדערט עקזעמפּלאַרן. אויסער די „לעצטע נייעס", וועלכע האַלט עטלעכע שטענדיק מיטאַרבעטער", שרייבן די אַלע יידיש־שרייבער אין די וואָכנבלעטער אומזיסט. אויב עס פעלט אויס שרייבערײ, נעמט מען פון יידישע צייטונגען און אויסלאַנד . . .

„גאָלדענע־קייט" אָדער „צויקונפט", נישט אפילו אַ „טאג", אָדער „פאָרווערטס" צו זען ביי די קיאָסקן, אָדער אין געשעפטן. די רעגירונג גיט נישט קיין דערלויבעניש פאַך יידישע ביכער פון אויסלאַנד און נישט פאַך צייטונגען. יידישע ביכער־געשעפטן ווילן בכלל נישט אַרויסשטעלן א יידישן זשורנאל; אפילו דער זשורנאל פון רוסלאנד „היימלאַנד" ליגט אויך ערגץ פאַרבאַהאַלטן. עס קאָן שאַטן צום געשעפט . . .

דער זשורנאל „היימיש" פלעגט אויך נישט זיין צום פארקויף אין ארץ־ישראל. איצט אז דער פלינקער אַרבעטסזאַמער משה גראָסמאַן איז אָפּגעשטאָרבן, באַמיט זיך די פרוי אַרויסצוקערן א גראָסמאַן־נומער, אָבער ווער עס זאָל איבערנעמען די ארבעט פון פאַרבינדן די יידישע שרייבער אין חוץ־לארץ, אויסרופן נעמען, און דרוקן שוואַרץ און ווייס וועגן א בוך — אזא שרייבער איז אין ארץ־ישראל מער נישטאָ.

דער פאַריין פון העברעאישע צייטונגס־מענטשן איז טאַקע רייך און שיין אויסגעשטאַט. דער פאַריין פון יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן איז און א קעלער. (אין אמעריקע איז אַזעלכעס אויך נישטאָ . . .). די יידישע שרייבער זיינען מקנא איינעם וואָס האָט פּריווילעגיעס ביי אַ פּראָוונציזשן פארלאג, און א צווייטן וואָס פארט ארום איבער אויסטראַליע; אליין איז מען דעשלאָגן און מען פילט, אז די רעגירונג און די העברעאישע שרייבער־וועלט קוקט אויף זיי ווי אויף צווייט־קלאַסיקע בירגער, וועלכע מ'טאָר נישט צופיל לאָזן אויפהייבן דעם קאָפּ . . .

אין דאָך, מען פילט אז יידיש איז אַ געוואַלטיקער כוח אין ארץ־ישראל. יידיש וועט דאָ בלייבן אַ גערעדט שפּראַך ביי אַלע יידן פון אייראָפּע. אַפילו תימנער און מאַראָקאַנער, וועלן קענען צוביסלעך יידיש.

סיידן, אויב די אינטעליגענץ וועט בכלל נעמען ריידן ענגליש. פיל יוגנטלעכע נעמען בכלל אויף אַלץ וואָס עס איז ביליק און קומט פון אַמעריקע . . .

---

צום 12־טן געבורטסטאג ווינשן מיר די בת־מצוה **מרים רבקה**, די טאכטער פון אונדזער פריינד דעם פּאדאגאג און שרייבער **בן צבי בערנשטיין** אונד מרס. **דבורה בערנשטיין** א סאך נחת און פרייד.

פריינט פון יי"ש לשון

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 2 (העפט 364) דריי און צוואַנציקסטער יאָר פעברואַר 1962 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט :


פורים־רבדיק אָדער ווײ־אָדערדיק . . . „עד דלא ידע" 1962 ..... ** 1
נאָטיצן פון אַ לייענער ..... מ. אלמאַן 4
אין שפּיטאָל, רויטע פּיאָלקעס (לידער) ..... יעקב זאָנשיין 5
אַן אויסגעלאָשענער חלום ..... יהודה ביעטש 6
ביאַלע („ברוך סראָלע מוליאַס") ..... משה בעקערמאַן 10
אברהם רייזין (פּאָעמע) ..... יוסף לעפטוויטש 13
געדאַנקען (ליד) ..... עלי זילבערג 14
דער סאָסנאָווער וואַלד (פּראָזע) ווינטער־וואַריאַציעס (פּאָעזיע) ..... א. נ. שטענצל 15
יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע ..... יעקב ריכטיגער 35
מאָנדראַט (סקיצע) ..... בן־צבי בערנשטיין 39
י. י. טרונק ע.ה. ..... ש. 41
יידישע ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס .....


פריינט פון יידיש לשון

## גראַנדיעזער פורים באל

המן־טאַשן און טאַנץ

אין אדלער האָל, אַדלער סטר. א.1.

זונטיק, דעם 18'טן מערץ, 7.30

## פרייז 2 שילינג

אבאָנאָמענט־פרייז :—26 שילינג פאָר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London. E.1*